געפּ - 1.

ג ע פּ אָ ד ע מ ט - אדי. (שנש) ווי פּעדעם (געצויגן, געקנוילט).

1940 " עס שפּרינגט דער געדאַנקען=קנויל אויף קאַפּריזנע, אויף געפּאַדעמטע וועגן, אומגעריכט אַ וואָרט, אומגעריכט אַ געשטאַלט"; קאַראַלניק, 2, 45. 4

|| געפּאַדעמטקייט - די, אייגנשאַפט אָדער מצב פֿון זײַן געפּאַדעמט.

ג ע פ̄ אָ ד ע ר ט - <u>פֿאַר</u> <u>פֿון</u> <u>פאָדערן</u>.

ג ע פֿ אַ ט ע ר - דער, =ס. (עלט). 1. דער וואָס האַלט דאָס ייִנגעלע בעת דעם אַקט פֿון מל זײַן; קוואַטער, סנדק.

2. בײַ קריסטן - דער וואָס האַלט דאָס קינד בײַ דעם אַקט פֿון טויפֿן.

1884 " |...| האָבן זיי |די דאָרפֿסלײַט| דעם פֿרימאַר
מקנא געוועזן |...| וואָס ער איז דער געפֿאַטער 12
בײַ דער שמד פֿון דעם ייִדישן ייִנגעלע מער ווי
מיט זײַן פֿאַרמעגן". אַנ, דאס גיטויפֿטע יונגיל.

ם גפֿאַטר.

1. ←----

1541 " נון הט ער איין בורג גרובן דען באט ער.
// דש ער אים זולט היבן דען קנאבן.// אונ' זולט זײַן 14
זיין רעכטר גיבֿאטר". בבא=בוך, סטראפע 8,
שורות 3 - 5.

3/1

1680–1675 "דארט מוז מן זי הלטן די קינד בעט אויז

דר ווייל זוכט ער זיך איין רייכן גפֿטר אויז". 10

די בשרייבונג פון אשכנז |...|, ז' 235.

1723 " וועך איין ברית מילה איז אם תשעה באב זא

יודשט מן אזא באלד נאך דען קינות אונ' דער פֿאטר 15

אונ' דער גיפֿאטר אונ' מוהל מיגן זיך איר שבת

קליידר אן טון". ס' המנהגים, דף לב/ב.

|| גפֿאטרין – די, קוואַטערין, סנדקה.

|1685?| " אך וועך מן איין קינד צו יודש טראגט דורך

איין גויה אזו מוז די גויה דש קינד אין הויז נעמן 17

אונ' אך אין דער שול אביין טראגן דער נוך זול עז

דיא גפאטערין פון איר נעמן". דרך הישר |...|,

דף צח – 2.

1701 " סנדקת – גוּפֿאַטרין". שפה ברורה, דף י-ב. 171a

**גיפטרשאפט** - דאס. דער מעמד פון זיין דער קוואטער;
סנדקאות.

1588 " מיט ר' משה קלמייא נעם אלש לויטר גשריבן
אונ' גרות מיט הוצאות בעדים |?| עש טוט פון 21
נימן קשה להוציא גפטר שפט איז אויז בעולם".
א פעקל בריוו, 56.

1680-1675 " הוט מן אים שון די קינד בעט גהלטן
אונ' געבן איין גפטרשפט דר צו // זו האט ער 20
גיפאטר דאך קיין רוא". בשרייבונג פון אשכנז |...|.
ז' 235.

1723 " |...| אמאל האט זי איין גיפאטרשאפט
גיהאט האט זיא זיך גיבאדן איז זיא גלייך 22
גישטארבן". שמחת הנפש, דף ז/ב.

ג ע פֿ אָ ך – דאָס/דער, =ן. דאָס דויערנדיקע אָדער פֿילפֿאַכיקע פֿאָכען.

1936 " |...| עס פֿליִען אַוועק // דורך וואַלד און
דורך ווינט מיט פֿאַרבענקטע געפֿאָכן// די פֿייגל". 23
סוצקעווער, 3, 50.

1948 " אַרום האָט אַ געפֿאָך פֿון פֿייגל זיך געהערט".
מאַרקיש, 9, 19. 27

|| געפֿאָכע – דאָס/דער. דזוו דפֿוו.

1948 "אַראָפּגעפֿירט פֿון זינען האָט זיי בלויז דער
זשום און דער געפּרעסטער רעש פֿון אײַזערנעם 34
געפֿאָכע". מאַרקיש, 3, 27.

געפֿאָכער – דער, דזוו דפֿוו.

1929 " דער געפֿאָכער פֿון וואָראָנעס |...|". מאַרקיש,4א.

ג ע פּ אָ כ ט – פּאַר פֿון פּאָכן/פּאָכען.

ג ע פ א כ ע ט – פאר פון, פאכעט/פאכן.

ג ע פּ אַ ל I – דאָס/דער, באַ. (שנש) דאָס דויערנדיקע
אָדער פֿילפּאַכיקע פּאַלן.

1929 " ס'איז געווען אַ געוויין און אַ געפּאַל זין
אויף די העלדזער אייגער דעם צווייטן".
האַראַנטשיק, 2, 61.

א/39

0 בלעטער=געפּאַל – דאָס/דער, באַ. דאָס אַראָפּפּאַלן
פֿון די בלעטער פֿון די ביימער אין אָסיען; בלעטערפּאַל.
1972 " דער וואַלד האָט געשמעקט מיט האַרבסטיקן
בלעטער=געפּאַל". צאַנין, 2, 294.

39

?נ? ג ע פ אָ ל !! - דאָס/דער. |=ן?| (עלט) פאַל,
אומשטאַנד.

1846 " איך געפאל דיאַמערקן אונד דיא אותיות אונקענבאר
ווערדן |איף דעם קעז| |...| מוז דער שומר איף 44
דיא קאנטערקעהס, קודם ער זיא הירהער שיקט, זיין
נאהם אונד בייאנאם שרייבען". תקנות להשומרים|...|.

רעד: א) ס׳איז, דאַכט זיך, לויטער דייַטש.
ב) ווי קומט אַן אויסגאַבע פון 1848 קיין
אַמסטערדאַם? אויף (ב) וועט אפשר פאַרענטפערן די
תשובה די פראַגע פון (א).

גפאל.

1743 " דען דיא גאנצי וועלט איז אונטר ווארפן מיט
פר ענדרונג אונ׳ פאר וועקסלונג, אונ איך איין
אויגן בליק פאר ענדריך דיא גפאלן פון דיא מענשן
פון גוט צו ביז און פון ביז צו גוט".
יוסיפון. 4. דף קיא - 2.

געפּאַלבט – 1. פֿאַר פֿון פּאַלבן(זיך).

2. אַדי/אַדוו. מיט פּאַלבן.

1864 " ביַי יעדער טויער הענגט אַ פֿאָרהאַנג וואָס איז

|...| וווּנדער שיין געפּאַלבט און געקנייטשט". 47

דיק. 219ב. 15.

1921 " |...| און איצטער הענגט דער פֿאָרהאַנג גאָר

געפּאַלבט". בראָדערזאָן. 6א. 30. 46

|| געפּאַלבטקייט – די. בא. אייגנשאַפֿט אָדער מצב

פֿון זיַין געפּאַלבט.

ג ע פּ אָ ל ג - דער, באַ. (עלט) סוויטע, פֿמליא, באַדיי
באַלייטונג, מיטגייער, נאָכגייער.

1866 " קיין ריטער איז נאָך קיין מאָל מיט אַזאַ אייפּער
ניט אַרויסגעריטן צום טורניר מיט זײַן געפּאָלג 53
|טעקסט: געפּאָלגע|, ווען ער האָט געהאָפּט פֿון זײַן
דאַמעס האַנט דעם לאָרבערקראַנץ צו נעמען".
פֿער 177, נ' 48, ז' 738.

1922 " איף די גרינע הויכן דאָרט געבלאָנדזשעט
האָבן אינדן,// נאָר שפּעטן שטילע מיט געפּאָלג פֿון 52
זיסן פּײַפּל |...|". האַפּשטיין, 2, 9.

1964 " אחאב שפּרייט פֿון ווײַטן פּריידיק אויס די
האַנט צום פּאָטער, ער זינגט צוזאַמען מיט זײַן 51
געפּאָלג". קאַצענעלסאָן, 2, 92.

|| געפּאָלגיק - אַדי/אַדוו. (עלט) געטרײַ, געהאָרכיק,
איבערגעגעבן.

11/1 געפאלגשאפט - די, =ן. סוויטע, באלייטונגג; נאכפאלגערשאפט.

1921 " א געפאלגשאפט פון באזונדערס איבערגעגעבענע

56 מענטשן |...| ".N. ווייַנרייך. 1.

גיפולגיג. מה"ד: gevolgic / gec

... " רק - גוולגיק, כלומר שהולך ברצון חבירו".

54 רייכלין 8. מלכים ב', כב - יט.

1676 " דא הוט זיא |לילתן, אדמס ערשטע ווייב|

55 גוט י"ת פון אים גיטון אונ' הוט איין אנדרי

בשאפן אויז זיינם לייב דא מיט זיא אים גיפוילגיג

זיין און בהילפיג מיט אלש". ברנט שפיגל. 4. פרק ו'.

גע̄פ-12.

ג ע פ̄ א̸ ל ג ט - פ̇אר פ̄ון פ̄אלגן.

געפֿאַלדעוועט - 1. פֿאַר פֿון פֿאַלדעווען.

2. אַדי/אַדוו. מיט פֿאַלדן.

1929 " ביַי די פֿענצטער זיַינען געהאָנגען געדיכט
געפֿאַלדעוועטע אַזשורנע פֿאָרהאַנגען". מ. ווינער, 2, 153. 59

1965 " ווען איר וואַשט פּליסירטע אָדער געפֿאַלדעוועטע
זאַכן, דאַרפֿט איר זיי קיין מאָל ניט טריקענען אין 64
אַ טריקענער, נאָר זיי אויפֿהענגען נאַסערהייט,
זיי זאָלן זיך אויסטריקענען |...|". מ. ראוז.
פֿער 155, 29/X.

3. געקנייטשט ווי פֿאַלדן.

1930-1926 " ער האָט געטראָגן |...| אַ פּאָר לאַקירטע
שטיוול מיט געפֿאַלדעוועטע כאָליעוועס". 57
אפּאַטאָשו, 5, 162.

1949 " זיַין ברייטע באָרד ליגט אַ געפֿאַלדעוועטע איבער
דער קאָלדרע". שפּיגל, 2, 68. 22

|| געפֿאַלדעוועטקייט - די, באַ. אייגנשאַפֿט אָדער מצבֿ
פֿון זיַין געפֿאַלדעוועט.

13/1 .● - געפֿ

13

געפֿאַליעט - פֿאַר פֿון פֿאַליען (זיך).

|| געפֿאַליעטקייט - די, בא. אייגנשאַפֿט אָדער מצבֿ פֿון
זייַן געפֿאַליעט.

ג ע פ א ל ן I - דער. |=ס?|.(עלט) געפעליקייט, טובה.

1844 " |...| דארף אייער גוט הערץ איהם עס ניט
82 אבזאגען און איהם טאט דעם געפאללען, זיך צו לאזען
איהם ערקענען צו געבען". ליאן דאר. 1, 25.

1922 "איך האב דעם קעניג דוד געבעטן, ער זאל מיר
41 אנטאן דעם גרויסן כבוד, מיר דעם גרויסן געפאלן
טאן און זיין ערשט געבוירענעם זון שיקן צו מיין
יום=טוב". אש. 7, 192.

ם
גיפאלין.

1697 " זיא קלאפן מיט טעליר אונ קאנין, |...| אונ
א/97 טואן יוחצין אונ שאלין, זיא זאגן זיא טונין דעם
בעל דרשן דער מיט איין גרוישן גיפאלין, |...|
דש דער ווייל קאן ער די דרשה אוועק זאגן,
דא קאן מען אים ניט פיל פראגין". שירי יהודה.
דף ב/ד.

גע פֿ אַ ל ן II - אוטוו, דריטפּערזאָניק, פֿפֿ

פֿאַר געפֿאַלן. 1. פֿאַרקומען, געשען, זײַן (ווען אַ יום=טובֿ, דאַטע אַ ד"גל); אויספֿאַלן.

1832 " און דיא תקנה איז ווען ראש השנה גפֿאלט אום דער וואכין האבין דיא חכמים גבאטין צו בלאזין שופר |...|". מחזור 2, נב/א. 114

1863 "ווען דער ערשטער יאָרצײַט געפֿאַלט אום פֿרײַטאָג זאָל ער דאַוונען מנחה נאָך זייגער צוועלף און זאָל אָנבײַסן". דאַנציג, 2, נד/ב. 69

1938 " |...| דעם גרויסן שפּראַכפֿאָרשער ד"ר אַלפֿרעד לאַנדוי, וואָס דעם 27סטן מארץ געפֿאַלט זײַן 3טער יאָרצײַט|...|". פֿער 94, נ' 3 - 4. 72

1947 " דער אָנהייב פֿון דער טעטיקייט פֿון אַ פּועל=ציון= אָרגאַניזאַציע אין טשענסטאָכאָוו געפֿאַלט אין זומער 1904". יזב 8, 144. 71

15/1

2. (לאָקל?) אָנקומען (עמעצן), אַרויסקומען (עמעצן).

1964 " טיפּער אַרײַנגײַן אין אַזאַ וויכּוח לאָזט שוין
ניט גבֿריאל. אים געפֿאַלט עס אויך ניט שווער. 113
מיט שמייכלענדיקן קאָפּשאָקל פֿאַרקערעוועט זיך בײַ
אים שאַרף דער שמועס". י. קאַפּלאַן, 1, 247.

3. (עלט) צוקומען (וועגן געלט, מתּנות); אַרײַנפֿאַלן.

1819 " דיא וועסט אויך זעהן וואס אויף דער חתונה
וועט גיפֿאַלין דרשה גישאנק פון כלה'ס צד". 120
פּערל, (1), 124.

1862 " האָב איך ווידער געפּועלט בײַ דעם חזן |...|
ער זאָל אָפּרעכטן יום=כיפּור קטן, און די נדבֿות וואָס 81
וועלן געפֿאַלן זאָלן גיין דערויף". א. צעדערבוים,
פּער 177, ג' 4, ז' 49.

ווען ס'וועט געפֿאַלן דריַי טעג ראָש=חודש - (איר)
קיין מאָל ניט.

ם גיפאלן. מה"ד: *gevallen*

1. ←---

.... " דאדש לאש געבֿיל צום ערשט אויף דען זונטג".
מגילה=ליד, ש' 366. 75

1762 " מן מאג דש קינד באדן אן דען דריטן טאג
|נאך דער מילה| ווען ער איז גיפֿאלן אן שבת". 78
תקוני שבת, דף פט/2.

4. געשען, אַרויסקומען, באַקומען זיך(רעזולטאַט);
אויספֿאַלן.

1610 " אונ' זי זאגט זיץ מיין טוכטר ביז דז דוא
ווערשט ווישן וויא עש ווערט גיואלן דיא זאך". 94
טייטש=חומש, רות, ג - ח. |יהואש: אויספֿאַלן|.

5. אָנקומען (עמעצן), געהערן; צופֿאַלן, אויספֿאַלן.

1716 " אונ' צו די קינדר (גרשון) פון גישלעכט דען
(לוִיִם) וואר גיפֿלן איר נחלה פון דען הלבן גישלעכט 97
מנשה". ס' המגיד, 3, יהושע, דף טז - I.

ג ע פּ אַ ל ן !!! - אוטוו. (עלט) געפּעלן.

1872 " יוסף האָט געזען, דאָס יעקב האָט געלייגט זײַן רעכטע האַנט אויף אפרים, דאָ געפֿאַלט אים |ניט| זייער וואויל". צאינה וראינה, 3, פרשה ויחי. 85

רעד: כ'בין מסופק אין דעם, צי ס'דאַרף זײַן אַ פּתח בײַ "געפֿאַלט". די אויסשרײַבונגען פֿון אָט דער צאינה=וראינה זײַנען ניט גאָר פֿאַרלעסלעך, זיי זײַנען אין אויסלייג מאָדערניזירט (מיט אַ סך [illegible] גרײַזן).

ם גיפֿאַלן/גיבֿלן . מה"ד: *gevallen*.

1557 " דען אב געט|ר|ן צו גיבֿלן טריב ער איין גרוסי פּרכט". ס' דניאל, סטר' 271.

|סוף XVIII| "|איך| מוז דיר זאגין דאז מיר דיא עסקים מבנך ר' ליב סג"ל גנץ ניט גיפֿאַלין". XVII 121

גליקל האמיל, ז' 218.

17

געפאלן IV - 1. פאר פון פאלן.

2. אדי/אדוו. (פיג) דערשלאגן, אפהענטיק, אנמוטיק, מינערוועדטיק. % ער פילט זיך א ביסל געפאלן אין דער הויכער געזעלשאפט. נאך דעם דורכפאל דרייט זי זיך ארום א געפאלענע, רעזיגנירט.

1912 " |...| וועלנדיק אז דאס ווייב זאל מיך מאכן פאר א חסיד, פלעגט |דער טאטע| גיין אזוי ווייט, אז ער פלעגט מיך פאר דער ווייב שטארק אראפוואַרפן, כדי איך זאל זיין קעגן איר געפאלן". קאטיק. 2. 145

1930 " מיר טראגן אויף זיך דעם צייכן פון געפאלענע און שעמען זיך אויפהייבן דעם בליק". 115

שומיאטשער. 1. 85.

1941 " זי בלייבט זיצן מיט א געפאלענעם געמיט".

פ. אלטמאן. 2. 206. 170

18/1

3. (פֿיג) נידעריקער אין מעמד, מדרגה (סאָציאַל,מאַטעריעל)
פֿאַראָרעמט, אָפּגעקומען, אַראָפּגעגידערט. % פֿריִער איז
ער געווען אַ רײַכער ייִד, איצט איז ער געבען אַ
געפֿאַלענער, אַ יורד.

1865 " עס איז ניט אַוועקגעגאַנגען אַ טאָג , וואָס איך
זאָל אין אים ניט האָבן פֿיל געסט, געפֿאַלענע 106
בעלי=בתּים בעטן גמילות=חסדים לײַען |...|".
צווייפֿל, 2, 39.

1912 " און געפֿאַלענע, אָפּגעקומענע,געבער, וואָס שעמען
זיך אָנשטעלן די האַנט, שיקט מען זיי אָפּ |די שטיצע| 98
שטילערהייט אַהיים בכּבֿוד". מענדעלע, 24, 78.

1927 " איז איר פֿאָטער, לא עלינו, שטאַרק אַראָפּ פֿון
מעמד און איז געוואָרן אַ געפֿאַלענער בעל=הבית". 141
בודזאָהן, 7, 14.

1948 " |...| דינגען זיי זיך און ווילן אויסמאַנקירן
קאנק אַ מער פֿיינערע נדבֿה, |...| זיי רוימען אָפּן איַין
|...| וואָס פֿאַר אַ מין געפֿאַלענער ס'איז |...|
דער פֿאַר וועמען זיי, אָט די גבאים, האָבן זיך
אונטערגענומען'עפּעס מאַכן'". נסתּר, 6, 386.

4. אויך סובסטאַנטיווירט. (פֿיג) מאָראַליש אַראָפּגעגנידערט, פֿאַרזינדיקט.

1868 " |...| ער |דער רבֿ| מיינט מיט זיַין התקרבֿות
105 |...| גלאַט מתקן זיַין אַ געפֿאַלענע נשמה".
צ. רעזניקאָוו, פֿער 177, נ' 2, ז' 10 - 11.

1888 "שטויסט ניט אָפּ פֿון זיך די געפֿאַלענע, נאָר
קאנק זוכט אויס אַ מיטל און גיט אַ האַנט די זינדיקע
אויסצוהעלפֿן זיי פֿון דער זינד". מענדעלע, 3, 280.

... " אָן דיר בין איך אַ געפֿאַלענער, אַן אָפּטריניקער".
פּרץ, 7, 393.

19/1

1932 " א געפֿאלענע חוה, אַ געפֿאַלענער אדם, און דער

142 סוף – מ'וועט אונדז ביידן אַרויסיאָגן".

א. דאַמעסעק, פֿער 188, נ' 10 – 11.

1961 " |...| זאָג אים, ס'איז זײַן שולד, וואָס איך

135 בין געוואָרן אַ געפֿאַלענע פֿרוי". י. וואַרשאַווסקי,

פֿער 155, XI/18.

5. סובסטאַנטיווירט. (אײַפֿעם) זונה, פּראָסטיטוטקע.

1926 " |...| ס'איז אים אַלץ קלאָר געוואָרן, פֿאַרשטאַנען

165 |...| צי מען האָט געדאַרפֿט בײַ אַזאַ געהויבענער

געלעגנהייט מיטברענגען אַ 'געפֿאַלענע'?".

אָפּאַטאָשו, 3, 92.

6. (פּיג) באַזיגט, אונטערטעניק געמאַכט.

1920 " די דאָזיקע רעדנסאַרטן |טרעטן אויפֿן קאָפּ א"אַ| האָבן געוויס זייער אָפּשטאַמונג פֿון דעם אַלטן מינהג צו טרעטן אויפֿן קאָפּ פֿון דעם געפּאַלענעם שונא". 108

עלזעט, 2ג, 31.

7. סובסטאַנטיווירט. געהרגעטע(ר) אין אַ שלאַכט, מלחמה. % די צאָל געפּאַלענע אין דער שלאַכט איז דערגאַנגען צו איבער טויזנט.

ℒ זײַן געפּאַלן בײַ זיך - פֿר. פֿילן זיך אָפּהענטיק, אומדרייִסט, נידערגעשלאָגן, מינערווערטיק.

1881 " זענען זיי |די מיטעלע בעלי=בתים| נעבעך בײַ זיך אַליין געפּאַלן, זיי האָבן מורא אָנצוהייבן מיט אַ שטאָט". 146

שאַצקעס, 1, 116.

20/1

1935–1926 " דער יונגער רבֿ איז בײַ זיך געפֿאַלן,

112 פֿאַרלוירן זיך, געשאַרט זיך אַרום די שוואַרצע ווענט".

אָפּאַטאַשו, 9, 203.

קאַנק 1968 " מחמת זײַן אָרעמען אָפּשטאַם |...| איז ער בײַ זיך

געפֿאַלן". גראַדע, 7, 56.

ווערן/זײַן געפֿאַלן אין געזונט – ווערן/זײַן קראַנק.

זײַן געפֿאַלן אויף די אויגן – האָבן קראַנקע אויגן,

ניט זען גוט.

143 1832 " השי"ת שיקט אויף זיי יסורים קשים ומרים, זיי

ווערן געפֿאַלן אין געזונט, אדער אנדערע יסורים".

דוב בער |...|, 2, אות כ׳.

<u>געפּאַלענע קראַנקהייט</u> - (<u>לאקל? עלט?</u>) די פּאַליקע, עפּילעפּסיע.

1970 " |...| אבֿרהם=גאָדל איז בײַ יעדן געווען |...| 183
באַקאַנט - ער האָט געליטן פֿון דער '<u>געפּאַלענער</u>'
<u>קראַנקהייט</u> (חולי=נופּל)". <u>א. פּײַוולאַוויטש, יזב 144,7</u>.

<u>שווּ: א געפּאַלענעם העלפֿט גאָט. א געפּאַלענער איז ניט</u>
<u>קיין פֿאַרפֿאַלענער</u> - אויסדרוק פֿון יידישן בטחון,
אַז מע טאָר (ניט זיך) מיאש זײַן.

<u>א געפּאַלענעם טרעט מען מיט די פֿיס</u> - דעם שוואַכן
און באַזיגטן איז גרינג צו באַוועלטיקן.

ג ע פֿ אַ ל ן V - פֿאָר (עלט?פֿד?) פֿון געפֿעלן.

?,?

1925 " דאָס פֿאָר=פֿאָלק האָבן זיך געפֿאַלן און מען

האָט תּנאים געשריבן". מוירער, 2, 17. 122

.................................................

רעד: כ'בין מסופק אין דעם פּתח. מוירער איז אַ

מערב=גאַליציאַנער. האָט מען (אין דער צײַט?)

געזאָגט דאָרט אויך, "געפאַלן" (=געפֿעלן)? "געפֿאָלן"*

איז יאָ פֿאַרשפּרייט אין פּוילישן דיאַלעקט. סײַדן

איז אַן איבערבלײַבעניש פֿון גאַר אַלטן ייִדיש...

* "געפֿאָלן"

.................................................

ג ע פּ אָ ל ן – פּאָר (פּד) פֿון געפּאַלן.

1923 " |...| ווי דער רבֿ האָט דאָס געהערט איז ער

147 אים געפּאַלן |...|". ש. לעהמאַן, פּער 33, 68.

ם

גיפּאלן.

1723 " אײך איטליכר מאכט זיך מנהגים נאך זיינם

149 וואול גיפּאלן בפרט אין דער שוליך". לב טוב, 2, הקדמה.

און דעם גיפּעלער.

רעד: כ'בין מסופק אין דעם קמץ חוץ דעם זעט אויס
דאָס וואָרט אַ סובסטאַנטיווירונג פֿון אינפֿיניטיוו.
אין ~~אלט יבדבש~~ אין אַלע אַנדערע ציטאַטן טרעט אַרויס
דער אינפֿיניטיוו (מיט דעם באַטײַט) נאָר "גיפּאַלן"
אָדער "גיפּלן"!

ג ע פּ אַ ל נ ס - דאָס, באַ. (עלט?) אַ חיה אָדער פֿויגל, געכאַפּט דורך אַ יעגער.

1941 " און יעטוועדער מענטש, וואָס וועט עסן געפּאַלנס אָדער פֿאַרצוקטס |...|". תרגום יהואש, ויקרא, יז-15. 152

1947 " געכאַפּט אים, ווי ס'כאַפּט // זיין געפּאַלנס דער יעגער". סוצקעווער, 3, 488. 151

געפּאַלנקייט - די, בא. 1. געפֿיל פֿון אָפּהענטיקייט, דערשלאָגנקייט, מינערווערטיקייט.

1888 "ס'איז איך אים געלעגן אויסגעדריקט שרעק, דערנידערונג, געפּאַלנקייט פֿאַר געהויבענע, שטאַרקע, פּריצים". מענדעלע, 3, 416. קאנק

1927 " אים האָט אַ געפּאַלנקייט באַהערשט. ביי אים איז געווען אַ געפֿיל ווי ביי איינעם, וואָס דערזעט זיך מיט אַ מאָל אַ נאַקעטן צווישן בלויז אָנגעטועגע און אויסגעפּוצטע". י.י. זינגער, 4, 18. 160

1948 " אַנשטאָט דעם זי זאָל |...| זיך פֿאַרלירן פֿון דער גרויסער געפּאַלנקייט, מיט וועלכע זי האָט זיך געלאָזט אַהער, |...| האָט זי זיך, פֿאַרקערט, דערפֿילט דרייסט |...|". נסתּר, 6, 172. קאנק

2. מאָראַלישע נידערונג, זינדיקייט, פֿאַרדאָרבנקייט.

1934 " דערגיין צו אַזאַ געפֿאַלנקייט האָבן געקאָנט בלויז
אויף דורך און דורך דורכגעפֿוילטע מענטשן". 155

איבן קאַנטאָר, (1), 447.

1960 " אַשר מאָלט די געפֿאַלנקייט, די צעריסנקייט
פֿונעם מענטשן – און זײַן שטרעבן צו שלימות". 154

ניגער, 10, 232.

1962 " אָט די טעאָריע וועגן דער אַבסאָלוטער מענטשלעכער געפֿאַלנקייט
באַהערשט די גאַנצע קריסטלעכע פֿילאָזאָפֿיע". 162

א. מענעס, פֿער 155, IX/23.

ג ע פּ אָ ל צ ט - פֿאַר פֿון פֿלאַצן.

ג ע פּ̄ א̄ ל צ ע וו ע ט - פֿאַר פֿון פֿאַלצעוועך.

געפּאָלק - דאָס, בא. (שנש) גרויסער עולם, מאַטע, מחנה.

1974 " לייַכט איז אַרבעטן און אויפֿטאָן, ווען מען איז אַן עם רבֿ, אַ גרויס געפּאָלק, אָבער מיר זייַנען בטבֿע קיין מאָל קיין גרויסער עולם ניט געווען". 185

א. גאָלדבערג, פֿער 9, אָקטאָבער, ז' 1.

געפֿ - 30.

ג ע פֿ אַ ל ש ע וו ע ט - פֿאַר פֿון <u>פֿאַלשעווען</u>.

געפאַנג ! - דאָס/דער, בא. דער פּראָדוקט פֿון געיעג (חיות, פֿייגל) אָדער פֿישפאַנג. % די פֿישערס פֿון כּנרת האָבן היינט אַ גרויסן **געפאַנג** פֿון קאַרפּן.

1941 " גיי אַרויס אין פֿעלד און פֿאַנג מיר אַ **געפאַנג**".

457 תּרגום יהואש, בראשית כז - 3.

1962 " עשׂו איז געלאָפֿן פֿון פֿעלד מיט דעם געפאַנג".

187 זשיכלינסקי, 2.

ג ע פֿ אַ נ ג ~~ע~~ - דאָס, באַ. (שנש) געפֿאַנגענשאַפֿט.

189 1930 " געהאַלטן אין **געפֿאַנג**". אַש, 11.

| באַמ: מע וואָלט געדאַרפֿט געפֿינען דעם מקור און געבן די זײַט. |
|---|

1956 " |...| און תּיכּף אָפּגעפֿירט מע(האָ)ט אים אין

190 אַ שטאַל,// ווי ס'האָבן אין **געפֿאַנג** געפּלאָגט זיך

רויטאַרמייער". מאַרקיש, |?11?10|, 148.

| באַמ: אין וועלכן באַנד פֿון "מלחמה", נ"י 1956? |
|---|

0 **געפֿאַנג=לאַגער** - דער, =ן. לאַגער פֿאַר געפֿאַנגענע.

1965 " די קרבנות |פֿון די נאַציס| זײַנען באַגראָבן

195 געוואָרן אין די אונטערערדישע פֿעסטונגען פֿון קאָוונע,

אין די **געפֿאַנג=לאַגערן** פֿון אַליטע און שאַוול".

פֿער 107, 627.

גע פּ אַ נ ג ע ן - 1. פֿאַר פֿון פֿאַנגען.

2. פֿאַדי/פֿאַדוו. באַרויבט פֿון דער פֿרייַהייט, אַרעסטירט.

% געפֿאַנגענע פֿייגל.

1888 " פֿון יענע פֿאַררופֿענע ערטער שרייַען צו אייַך, קאנק

יִידן, אומגליקלעכע נפֿשות - יִידישע טעכטער, אייַערע

שוועסטער געפֿאַנגענע, אין דער נעץ אַרייַנגעגאַרטע".

מענדעלע, 3, 332.

1920 "גאָט ווייסט, וואָס אין דעם אַלטן שלאָס טוט

זיך. אַ פֿאַרכּישופֿטער פֿון ששת=ימי=בראשית אָן, 227

און אפֿשר זיצט דאָרט אַ געפֿאַנגענע בת=מלכה אויך?".

וויַיסנבערג, 5, 252.

1941 " מאַך לויז די בינדשטריק פֿון דייַן האַלדז, 233

געפֿאַנגענע טאָכטער ציון". תּרגום יהואש, ישעיה, נב-ב.

3. אַדי, סובסטאַנטיווירט. אַרעסטאַנט, פֿאַרשפּאַרטער אין

תּפֿיסה.

1848 " ווײַל דער <u>געפֿאַנגענער</u> איז אויש גגאנגין פון
207 דעם פּיין און צער |...|". <u>חובות הלבבות, 3, 100</u>.

1895 " |...| איז געווען נאָך אַ מאַשין צו מאַרטערן
232 די <u>געפֿאַנגענע</u>, מען האט זי גערופֿן דער 'בראָטראָד'".
<u>בעקערמאַן, 12, 122</u>.

1916 " מע האַלט אונדז פֿאַרשפּאַרט. זען זעען מיר זיך דורך
די גראַטעס, אַזוי ווי אַרעסטאַנטן, אַזוי ווי <u>געפֿאַנגענע</u>
אָדער אַזוי ווי חיות". <u>שלום=עליכם, לב, 41</u>.

1975 " ווען די געפֿענקעניש האָט גענומען זינקען
קאנק צוזאַמען מיט אירע <u>געפֿאַנגענע</u>, אין דאָנדעלען געראָטן
אַרויסצוטראָגן פֿון דאָרטן זײַן מאַמען". <u>סוצקעווער, 7, 136</u>.

4. אַדי, סובסטאַנטיוווירט. אַ סאָלדאַט, אָפֿיציר וואָס איז אַרייַנגעפֿאַלן צום שונא בעת מלחמה. מע האָט אַרומגערינגלט אַ גאַנצע דיוויזיע און גענומען אַ סך געפֿאַנגענע. די געפֿאַנגענע פֿירט מען אָפּ אין אַ באַזונדערן לאַגער.

|1931–1935| " דער פֿעטער פּאָליע איז געווען אַ געפֿאַנגענער אין עסטרייַך". מ. קולבאַק, 90,9/8. קאנק

1948 " מען ברענגט צו אונדז צו נייַע געפֿאַנגענע, רויטע=אַרמייִצעס". פֿער 44, נ' 11, ז' 23. 213

1975 " מיר האָבן געכאַפּט אין וואַלד |...| אַ דייַטשן אָפֿיציר. |...| איז אַרייַן גרישקאַ און פֿאַר אַ שטריק מיטגעצויגן דעם געפֿאַנגענעם". פּוצקעווער, 7, 92. קאנק

35/1

5. אדי. (פֿיג)באַהערשט, געצוימט,

1891 " דורך דעם דאָזיקן געדאַנק געפֿאַנגען, האָט מיך מענדעלע אַרײַנגעפֿירט אין איין אָנגעשפּיגעוועט קלײַזל מיט אַגיל=װאשמחדיקע |...| ייִדעלעך". 219

גארנשטיין, 2, 22.

1921 " ווי אַ שוואַלב שלאָגט אָן זיך אָן דער שויב דער געפֿאַנגענער צער". מ. ראַוויטש, 1.

1973 " דער געשריי ווערט שטילער, געפֿאַנגענער".

שפּיגל, 5, 80.

(שפּיל) געפֿאַנגען=הויז - זען ... הויזער, תפֿיסה.

געפֿאַנגען=לאַגער - דער, =ן. אָרט ווו מע האַלט געפֿאַנגענע, ספּעציעל (וואָס) פֿאַרכאַפּטע סאָלדאַטן/אָפֿיצירן אין מלחמה=צײַט. % דער געפֿאַנגען=לאַגער איז אַרומגעצוימט מיט שטעכלדראָט.

1927 " זײַנע הייסע רייד האָבן אים אַרויסגעבראַכט פֿון זײַן געוויינלעכן שווערן און ייִאושדיקן אַרט לעבן אין געפֿאַנגען=לאַגער". י. י. זינגער, 4, 151. 222

1947 " אין דער מלחמה=צייט זייַנען מיר, אַ גרופּע
טשענסטאָכאָווער, געווען אין אַ געפֿאַנגען=לאַגער אין 223
עסטרייך". א. כראבלאווסקי, יזב 8, 258.

**ציוויל=געפֿאַנגענער** – אַ געפֿאַנגענער ניט קיין מיליטער=
מאַן, אַרעסטאַנט.

1970 " זיי האָבן גענומען אייַנצלנע יִידישע בחורים אַלס
ציוויל=געפֿאַנגענע". יזב 15, 804. 235

**קריגס=געפֿאַנגענער** – אַ געפֿאַנגענער סאָלדאַט/אָפֿיציר.

1954 " אין די שלאַכטן נעמען מיר טויזנטער דייַטשע
קריגס=געפֿאַנגענע". א. גאָלדמאַן, יזב 10, 646. 225

▱ **נעמען (אין) געפֿאַנגען** – 1. פֿאַרכאַפּן עמעצן פֿון
שונאס לאַגער בעת מלחמה, אַרעסטירן.

36/.

1921 " דער קייזער פֿון דײַטשלאַנד אַליין האָט דעם גרײַיז // אַהערצו גענומען געפֿאַנגען". ליעסין, 3, 106. 205

2. שטאַרק באַווירקן, משפּיע זײַן, באַהערשן גײַיסטיק.

1948 " |...| אפשר האָט צו אים אַרײַנגעשראָפּן איינער פֿון די ספֿרים פֿון די באַוואוסטע אויפֿקלערער, וואָס האָט אים גענומען געפֿאַנגען". גסתר, 6, 10. קאַנק

ם גיפֿנגן/גיונגן/גבאנגן. מה"ד: . gevangen

2.

1644 "זי בֿוירטן אין גיבֿאַנגן בֿור דען קוניג היניין". שמואל=בוך, סטראָפֿע 528. 200

1557 "מן ברוכט דניאל גיפֿנגן אין דער זעלביגן שטונד". ס' דניאל, סטר 351. א/200

1602 " זיא זולטן ברוך דען שרייבר אונ׳ ירמיה

208 דען נביא אן גרייפֿין אונ׳ גיפֿנגן ברענגן".

ס׳ ירמיה, לו - כו.

1739 " אונ׳ ער האלטיט זיא בייא זיך גפֿאנגן ברענגן".

211 יוסיפון, 4, דף פא - 2.

3 ←---.

1544 " |...| דוא זולשט דיך העלד דר געבן אונ׳ מיין

246 גיונגנר זולשטו זייך". שמואל=בוך, סטראפֿע 901.

1610 " ווארום יצחק זייך זייני אויגן ור טונקלט

237 גיוועזן אונ׳ איז אין זיין הויז גיוועזן אז איין

גיפֿנגנר |...|". טייטש=חומש (רשי), בראשית נח - יב.

1739 " זוא לנג צו איין זאך פר איין (סוד) האשט

239 איזט עש בייא דיר גיפֿאנגין, האשטו עש אפֿינבארט,

ביזשו זייך גיפֿאנגינר". ס׳ מבחר הפנינים, דף כ"ה - II.

0 געפֿאנגן הויז.

1783 " אונ ער גבאט דר קיניג אויז צו צוהן אברם

אויז דעם גיפֿאנגן הויז |...|".

תם ווילו, 1, β3 - וק - II

ג ע פ א נ ג ע נ י ש - דאס, =ן. (עלט) געפענגעניש,
תפיסה.

1848 " |...| וועט ער פון דעם אייגנשאפט פון זיין
באשטאנד דער קאנין אז ער איז ניט נאר גיגליכין 242
אויף דער וועלט צו איין גיפאנגניס, נאר ער איז
טאקי באמת איין גיפאנגניר". חובות הלבבות,3,79/ב.

| |
|---|
| רעד: כ'בין מסופק אין דעם פתח אונטער דעם "א", [illegible] "א". מ'וואלט געדארפט קאנטראלירן אין מקור. |

◻ גוועןנקקנישא - מה"ד: *gevancnisse*

... " בית הפקודות - דש הוש וון גוועןנקנישא,
ל' בית האסורים". רייכלין 8, ירמיה נב - יא. 196

ג ע פּ אַ נ ג ע נ ש אַ פּ ט - די, בא. 1. דאָס פּעלן פון פרייהייט, דער מצב פון ווערן באַרויבט פון דער פרייהייט, דאָס זיין אין גאַנצן אָפּהענגיק פון עמעצנס חסד.

1865 " עס פלעגט אים זייער אָפּט די אומגערעכטע געפּאַנגענשאַפט פאַלן אַזוי צו לאַסט, דאָס ער פלעגט זיך ווינטשן דעם טויט". דיק, 25. 257

1905 " דאָס גאַנצע פּראָסטע פאָלק |...| הייבט זיך אויף |...| כדי צו באַפרייען זיך פון דער שווערער געפּאַנגענשאַפט, אין וועלכער ער האָט אָפּגעלעבט יאָרן לאַנג ביי דעם רוסישן קייזער". אנ, דער רויטער זונטאָג, ז' 1. 253

1935 " אַ גרוב טוט ער גראָבן פאַר אַלט און יונג זיי צו פירן אין געפּאַנגענשאַפט |...|". קאנק
באַשעוויס, 1, 78.

38/1.

1949 "די ייִדן אין פּוילן זענען אין געפֿאַנגענשאַפֿט -

וואָס וועט זײַן מיט זיי?". סעגאַלאָוויטש, 10, 199. 259

2. דאָס ווערן פֿאַרכאַפּט און געפֿינען זיך פֿון מיליטער=

לײַט אין די הענט פֿון שׂונא אין אַ מלחמה.

% נעמען אין געפֿאַנגענשאַפֿט. אַרײַנפֿאַלן אין געפֿאַנגענשאַפֿט.

1948 "געגאַנגען אין געפֿאַנגענשאַפֿט איז דער דײַטש

איבערן זומפּ און זיך גנבֿיש אומגעקוקט אין אַלע 260

זײַטן". מאַרקיש, 9, 38.

1965 "אין באַגנעטן=קאַמף אין דעם שׂונאס טראַנשייען

איז אים געלונגען צו אַנטוואָפֿענען און נעמען אין 251

געפֿאַנגענשאַפֿט אַ דײַטשישן אָבער=געפֿרייטער".

פֿער 107, 536.

0 געפֿאַנגענשאַפֿט=לאגער - דער, =ן. דזוו געפֿאַנגען=לאַגער.

1968 " ווען די פּויערים זענען זיך צוגעאַנגען |...| האָב איך אים דערציילט |...| וועגן דער סיבה פֿון מײַן אַנטלויפֿן פֿון געפֿאַנגענשאַפֿט=לאַגער". יזב 2, 1035.

~~196~~ 261

געפ - 40.

(?נ?) ם|געפּאַנט| ג י פ פּ ע נ ט - גענומען ווי אַ פּאַנט, פּארמשכונט.

1610 "אונ׳ אויף קליידר גיפּפּענטי זיא האבן גינייגט ביא דעם אופּפּרשטול". טייטש=חומש, בראשית, וישב ( הפּטורה־עמוס, ב - ח). |תי: פּארמשכונטע|.

(?נ?) ג ע פ א נ ט - אדי/אדור.(ווי) מיט פאנען.

"...| דגול מרבבה - ער איז געפאנט פון צענער טויזנטער".

איבן פרימער, שיר השירים ה - י.

|תי: די פאן פון צען טויזנט.|

רעד: כ'ווייס ניט וואס פאר א מקור דאס איז "פרנמער". אויפן קארטל שטייט: "פרימער טײַטשט אזוי".

41/1 — געפֿ

34

(גע) פֿאַנטאַזירט — פֿאַר פֿון פֿאַנטאַזירן.

ג ע פּ אַ נ י ר ט  –  אַדי/אַדוו. (סטאַליערנ) באַלייגט מיט פֿאַניר. % געפּאַנירטע מעבל. די טירלעך פֿון דער שאַפֿע זענען געפּאַנירטע.

1929 " אין |...| אַזעלכע האַלצן ווי יאַדלע, סאָסנע, וועלכע ווערן אין מעבל באַנוצט אויף געפּאַנירטע אַרבעט". י.מ. בערמאַן, 2, 11.  267

ג ע פֿ אָ נ פֿ ע ט - <u>פֿאַר פֿון</u> <u>פֿאָנפֿען</u>.

ג ע פ אָ ס ט I – 1. פֿאַר פֿון פֿאַסטן (ניט עסן).

2. אדי סובסטאַנטיווירט. דער וואָס האָט געפֿאַסט, ניט געגעסן.

1886 " אַז תשעה באָב געפֿאַלט אום פֿרײַטיק מעג מען פֿאַר נאַכט נעמען איין אײַ אַ געבראָטענע און אויסזופּן אָן זאַלץ, כּדי עס זאָל ניט אַרײַנגיין אין שבת אַ געפֿאַסטער". איבז, תנחומא, בראשית, ז' 11.

268/א

געפּאָסט !! - 1. פּאָר פֿון פּאַסן (זיך).

2. אַדי/אַדוו. קאָנדענסירט, צימצומדיק, בקיצור (וועגן אופֿן רעדן/שרײַבן). % ער רעדט קורץ און געפּאַסט. דעם גאַנצן ענין האָט ער באַשריבן אין עטלעכע געפּאַסטע זאַצן.

3. אײַנגעפּאַסט, אײַנגערעמט, אײַנגעזעצט אין עפּעס.

1865 " און דערצו |טראָגט זי| אַ בײַטש קאַרעלן, אַ פּאָר געפּאַסטע |טעקסט: געפּאַסעטע| אוירינגען. א/272

פּער 177, נ' 15, ז' 114 - !.

~~1940~~-1916 " קלאַמערט אײַן מײַן האַלדז איך צווײ געפּאַסטע רייפֿן". לייוויק, 6, 142. 272

4. (פֿיג. עלט) גענייגט, געוווינט, אײַנגעשטעלט, גרייט צו עפּעס.

45/,

39

1895 " וואָס פֿאַר אײן תּירוץ זאָל זי אים אָפּזאָגן, אַז ער זאָל פֿון איר אָפּשטײן?|...| זי איז אויף קײן ליגן קײן מאָל ניט געפּאַסט געװען |...|". איבן, טרובניק, 2, 33. ג/272

1902 " ביסטו |...| געפּאַסט צו א גוטער בשׂורה? ביסטו שטאַרק בענוג צו הערן?". שײן, (1), 36. ב/272

1948 " |...| האָבן זײ איר צו װיסן געגעבן, אַז איר פֿאָטער האַלט ניט גוט |...| און אַז זי דאַרף זײַן געפּאַסט אויף אַלץ |...|". נסתּר, 6, 374. קאַנק

|| געפּאַסטקײט – די. באַ. אײגנשאַפֿט אָדער מצב פֿון זײַן געפּאַסט.

געפּ - 46.

ג ע פּ אַ ס ט ר י ג ע וו ע ט - <u>פּאַר פֿון</u> <u>פּאַסטריגעווען</u>.

געפֿאַר - די, =ן. (דטשמ) סיטואַציע, וואָס קאָן ברענגען צו אַ שאָדן, אַ צרה, אַן אומגליק; סכּנה.

% זײַן (געפֿינען זיך) אין געפֿאַר. אויסמײַדן אַ געפֿאַר. ס'איז אַ געפֿאַר צו גיין בײַ נאַכט. די רײַזע איז פֿאַרבונדן מיט געפֿאַר.

1862 " דײַן לעבן וועט איבערשוועבן אין גרויס
287 געפֿאַר און דו וועסט ניט גלייבן, דאָס דו לעבסט". דיק, 6.

1908 "|...| ער איז געלאָפֿן אַהיים דורך געפֿאַר //
327 און קוים מיטן לעבן אַנטרונען". ראָזענפֿעלד, 164,2.

1922 " איך בין מיט זיי הונדערטער יאָרן // געגאַנגען
312 דורך יעדער געפֿאַר |...|". לייעסין, 1, 13.

1970 "|...| די בעזדאָמניקעס |...| זענען געוואָרן אַ
קאנק קללה און אַ געפֿאַר פֿאַר רוסלאַנד". באַשעוויס, 6, 261.

|| געפֿאַרלאַז - אדי/אדוו. (דטשמ) זיכער; אָן סכּנות. |ראַכקינד|.

געפֿאַרלאָזיקייט - די, בא. (דטשמ) זיכערקייט |ראַכקינד|.

47/,

ס **גערפּאָרפּול** - אַדי/אדרנג. מיט אַ סך געפּאַרן, סכּנות.

1948 " אין אונדזערע **געפּאַרפּולע** צײַטן הייבן מיר אָן צו דערקענען דעם חילוק |...| צווישן פֿאַלשן און עכטן 'וואָרט'". י. ראַפּאַפּאָרט, 2, 164. 384

1954 " דער וועג איז **געפּאַרפּול** און מיר באַמיִען זיך טאַקע צו גיין מיט זײַטיקע וועגן, כּדי אויסצומײַדן די דײַטשן". א. זילבער, יזב 10, 547. 382

ם **שטיין אין אַ געפּאַר** - זײַן (געפֿינען זיך) אין אַ געפּאַר.

~~1896 " דו קעמפּסט אונטערערדיש אין אנגסטן און פּלאַג,~~

**זײַן אויסגעשטעלט אויף/צו אַ געפּאַר** - דזוו דפּוו.

1896 " דו קעמפּסט אונטערערדיש אין אַנגסטן און פּלאָג, // יעדע ווײַלע דײַן קאָפּ **צו געפּאַר אויסגעשטעלט**". ליעסין, 3, 280. 324

<u>שטעלן אין געפֿאַר</u> (<u>וואַר:</u> <u>אויסשטעלן אויף/צו געפֿאַר</u>) –
גורם זײַן, אַז עמעצער זאָל זײַן אין געפֿאַר.

1956 "איצטער פֿאָרכען זיך די הענט דײַנע אין שרעק
אַרויף,// ווען <u>אין געפֿאַר געשטעלט</u> האָט אויף אַ ווײַל 341
זײַן פֿעל זיך". <u>מאַרקיש, 10, 529</u>.

1968 "די היסטאָרישע אַמנעזיע איז אַ געפֿערלעכע קראַנקייט
וואָס <u>שטעלט אין געפֿאַר</u> דאָס געזונט פֿון די פֿעלקער". 326
<u>פּ. לערנער, פֿער 69, V/8</u>.

<u>זײַן אויסער געפֿאַר</u> – ניט זײַן (שוין) אין אַ געפֿאַר.
% די היץ איז אַראָפּגעפֿאַלן, דער קראַנקער <u>איז שוין</u>
<u>אויסער געפֿאַר</u>.

<u>די ייִדישע געפֿאַר</u> – אַנטיסעמיטישער אויסדרוק אָנצוווײַזן
אויף דעם כּלומרשטן גרויסן כּוח פֿון ייִדישן פֿאָלק
אויף דער וועלט.

48/1

1953 "די זייער ניט=איבערקלײַבערישע אַגענטן פֿון

דער איצטיקער אַראַבישער פֿירערשאַפֿט פֿאַרשפּרייט |...| 293

ליגנס וועגן דער ייִדישער געפֿאַר פֿאַר א מוסולמעניש

פֿאָלק". גרינבערג, 2, 230.

1964 "אויפֿן ביילים-פּראָצעס האָט זיך ניט געהאַנדלט

דער עיקר אין מענדל ביילים, נאָר אין דער 294

'ייִדישער געפֿאַר' וואָס דראָט דעם טראָן פֿון די ראָמאַנאָווס".

א. מאָרעווסקי, יזב 19, 453.

**ג ע פֿ אָ ר** – דאָס, בא. 1. דאָס דויערנדיקע פֿאָרן אָדער דאָס פֿאָרן פֿון אַ סך וועגענער.

1923 " פֿון דרויסן הערט מען אַ געגיי, אַ געפֿאָר, אַ געשטופּערײַ". נײַמאַן, (1), 35. 344

1949 " ס'איז געווען אַ געפֿאָר פֿון פֿורן און דראָזשקעס". י. י. טרונק, 6, 88. 346

1972 " |...| איז געקומען אַ באַפֿעל |...| אַז אַלע |...| זאָלן זיך צוריק איבערפּעקלען אין געטאָ. ס'האָט 349
זיך אָנגעהויבן אַ גרויס געפֿאָר פֿון האַנט=וועגעלעך". ראָזענפֿאַרב, 3, 403.

2. (נש?) טראַפֿיק |אַהוו|.

1937 " קומט ער צו אַ גאַס ווו דאָס געפֿאָר איז זייער געדיכט |...|". לעהרער, (1). 350

49|א

רעד: 1) פון דעם קורצן און אפגעהאקטן קאנטעקסט
איז ניט קלאר, צי לעהרער שרייבט טאקע וועגן
היינטיקן געפאר (אויטאס א"א), צי וועגן אמאליקע
וועגענער.

2) כ'בין בכלל מסופק צי דארף מען אויסטיילן צוויי
באטייטן.

|| געפארערײַ – דאס, בא. דזוו געפאר, ב 1.

... " צו מארגנס איז געווען א געפארערײַ – די
גאסן האבן ניט גערוט פון דראזשקעס און קאטשן".
ווייסענבערג, דערצ' "מזל-טוב".

380

געפּ – 50.

געפּאַרב – דער, בא. (שנש)צונויפשטעל פון אַ
סך פאַרבן, קאָלירן.

1929 " |...| אַ פריידיקער **געפּאַרב** פון שטומען פלאַקער".
אלף כץ, 1, 9.

351

**געפּאַ́רבט** – 1. פֿאַר פֿון פֿאַרבן.

2. פֿאַדי/פֿאַדוו. געשמינקט.

1957 " |...| מיט די געקרײַזלטע בלאָנדע לעקעלעך, //

קאנק מיט די דינע אומענדלעך אומעטיקע געפֿאַרבטע ליפּעלעך".

לעיעלעס, 5, 126.

1962 " די געפֿאַרבטע מויד אינעם קורצן, שמאָלן קליידל

352 ווינקט אונטער די פֿאַרבײַגייער". מ. לעוו.

פֿער 131, נ׳ 3, ז׳ 83.

3. (פֿיג) צביעותדיק, [illegible], צווייפּנימדיק,

פֿאַרמאַסקירט.

1887 " וואָס טוט מען אָבער מיט די, וואָס זײַנען

359 געפֿאַרבט, וואָס זײַנען שווער צו דערקענען,

פֿאַרדאָרבענע כאַראַקטערן, וואָס ווילן נאָר דעם אַנדערנס

נעמען". ליאָן דאָר, 2, 72.

1894 " פֿון אַ רשע וועט זיך קיין ערלעכער מאַן נישט

אָפּלערנען, פֿון אַ געפֿאַרבטן אָבער, וואָס איז אין גרונט

360 אַ בלעס און מאַכט זיך פֿאַר אַ משה, לערנט מען זיך

טאַקע אָפּ". צווייפּעל, 2.

|| **געפֿאַרבטקייט** – די, בא. אייגנשאַפֿט אָדער מצב פֿון

זײַן געפֿאַרבט.

**געפֿאַרבטערהייט** – אדוו. אין מצב פֿון זײַן געפֿאַרבט.

ג ע פ̄ אָ ר ב ן - פּפ̄ (דיאַל) צו פֿאַר פ̄ון פּאַרבן.

1924 "די בלוט=צעיעקע געפ̄ינט זיך אויפ̄ן גרונט

פ̄ון זיסע וואַסערן, דעריבער איז איר גוף געפּאָרבן א/362

גרין-ברויין". איבז. איסעל. 1, 168.

(?נ?) געפּאָרזיכטיקט - אדי/אַדוו. (שנש)

פּאָרזיכטיק, געהיט.

193... " |...| דעריבער איז ער אַזוי געפּאָרזיכטיקט".

נאַדיר, 14, 119. 363

רעד: איינס פֿון נאַדירס "וואָרטעריַיען"; דאַרף מען

עס טאַקע געבן"?...

ג ע פֿ אַ ר ט - אַדי. בנב.

1926 " זויגערינס זענען געקומען און געגאַנגען מיט

די גלעזער געפֿאַרטן קוילעטש אין די הענט". 368

מ. אַלטמאַן, 1, 41.

רעד: 1) דאָס ווארט איז געווען אין דער גרופּע "געפֿ..."

אָבער אפֿשר איז דאָס אַ טעות און ס'דאַרף זײַן געפֿאָרט"

2) ס'איז ניט קלאָר צי מ'דאַרף לייענען "געפֿארט"

אדער "געפֿאַרט", ווייל אויפֿן קארטל זענען ניטא די

דיאַקריטישע צייכנס, כ'בין חושד, אַז ס'דאַרף גאָר

זיין געפֿאַרעט"...

ב) און פֿאַר װאָס אין אַלגעמײן?! געפֿינט דעם מקור!

ג ע פּ אָ ר כ ט - פֿאַר פֿון פֿאַרכטן.

[redacted] - געפֿ

55/1

ג ע פֿ אָ ר מ ע ו ו ע ט - פֿאַר פֿון פֿאַרמעוועןָ.

119

ג ע פֿ אָ ר ן - <u>פֿאַר פֿון פֿאָרן.</u>

ג ע פ אָ ר ע מ ט - פֿאַר פֿון פֿאַרעמען.

|| געפֿאַרעמטערהייט - אדוו. אין מצב פֿון זײַן געפֿאַרעמט.

געפֿאַרעמטקייט - די, בא. |מארקוב 1362|. אייגנקייט
אָדער מצב פֿון זײַן געפֿאָרעמט.

געפֿ – [redacted]

57/1

ג ע פֿ אָ ר צ ט – פֿאָר פֿון פֿאַרצן.

געפּ - [illegible]

57/2

געפּאַרצן - פּאַר (פֿפּ) פּון פּאַרצן.

(?נ?) ג ע פֿ אָ ר צ ע ו ר ע ט - <u>אַדי/אַדור</u>. (<u>שלש, ווהלג</u>)

"געפֿרוירן (ווען איינעם וואָס ציטערט פֿון קעלט

אין אַ וואַרעמען טאָג)" |<u>קטור</u>|.

ג ע פֿ אָ ר ש ט - <u>פֿאַר פֿון</u> <u>פֿאָרשטן/פֿאָרשן</u>.

געפ̅ - 60.

(?ג?) ם | געפ̅ורגט | ג י פ̅ ו ר ג ט - אדי/אדוו. [illegible]

... " משלב̅ת - גווגט". רייכלין 8, שמות כו - יז.

392 |בי: ווי שטאפלען|.

393 1760 " משלבות - גיפ̅ורגט". מלים לאלוה, דף 2/146.

ג ע פֿ ו ט ע ר ט – אַדי/אַדוו. 1. באַלייגט/אונטערגעלייגט מיט פֿוטער. % אַ מאַנטל מיט אַ געפֿוטערטן קאָלנער.

1947 " דער דאָקטאָר, אין זײַן געפֿוטערטער בעקעשע, מיטן הויכן פֿוטערנעם היטל". שניאור, 10, 266. א/394

1970 " זײַנע אַרבל זײַנען געווען געפֿוטערטע". ערליך, (1), 129. 394

2. (עלט) אונטערגעשלאָגן, אויסגעבעט מיט אַ שטאָף. % דער מאַנטל איז געפֿוטערט מיט אַ דיקן אונטערשלאַק.

1864 " ער |דער לופֿטבאַלאָן| איז אויס קאַנווע, מיט זײַדנצײַיג געפֿוטערט |טעקסט: געפֿיטטערט|". פֿער 177, נ' 34, ז' 542. 463

|| געפֿוטערטקייט – די. בא. אייגנקייט אָדער מצב פֿון זײַן געפֿוטערט.

ג ע פֿ ו ט ר ע ו ו ע ט - פֿאר פֿון פֿוטרעווען.

געפֿ - 63.

ג ע פֿ ו י ג ל - דאָס, בא. אַ סך פֿייגל, דער כּלל פֿייגל.

1930 " דאָס געפֿויגל איז שוין פֿון לאַנג אויפֿגעוועקט".

אַש, 11, 207. 397

גיפעגל/גיפעגלש.

1737 " ואת הצפור לא בתר - דז גיפֿעגלטש".

מלמד שיח, בראשית טו - י, דף 1/10. 401

ג ע פֿ ו י ג ל ט  -  אַדי/אַדוו. 1. וואָס זעען אויס
ווי אַ פֿויגל, ווי פֿליגל פֿון אַ פֿויגל.

1936 " איינער אַן אַלטינקער מיט געפֿויגלטע צוויי
האַלבע בלאָנד ווײַסע בערד". נאַדיר, 9, 19. 399

2. אויסגעפּוצט, אויסגעסטראָצלט, אָנגעטאָן אין היט
מיט פֿעדערן פֿון אַ פֿויגל.

1891 " זײַן ווײַב איז קיין פּריצה ניט געווען,
ווי הײַנטיקע געפֿויגלטע דאַמען". גאָרנשטיין, 2, 41. 400

רעד: ניט זיכער אין ביידע באַטײַטן.

ם גיויגילט.

3. מיט פֿייגל (געמאָלט, אויסגעקריצט).

1610 " אונ' דאוא זולשט מכן |אין משכן| איין פֿור
הנק בלא זייד |...| גיצווירנט ווערק מיינשטר שפֿט 398
ער זול מכן זי גיויגילט". טייטש-חומש, שמות,
כו - לא, |תי: מיט כרובים|.

געפּ - 65.

געפּויל - דאָס, באַ. (שנש) פּוילעכץ, פּוילעניש, פֿאַרפּוילטעוזאַכן.

1945 "דו, אין דײַן געקנויל,// זעסט אין אַלץ געפּויל". לייוויק, 8, 147. 405

1959 "דאָס געפּויל פֿון שלעכטס |...|". מ. דײַטש, 2, 133. 404

ג ע פ̄ ו́ י ל ט !̲ - פֿאַר פֿון פֿוילן (ווערן פֿאַרפֿוילט).

ג ע פ ו י ל ט !! - פאַר פון פוילן זיך (גיט וועלן טאָן, אַרבעטן).

געפ̄ - 68.

(?נ?) ם |געפ̄ונדירט| ג י פ̄ ו נ ד י ר ט - אדי. פ̄עסט, שטאַרק, סאָליד.

1934 " נאך אלה גרויזאמה ארקאנין |=אוראַגאַנען| זא שטרק גיבט וועהן מיינה גיפ̄ונדירטה ליבשאפט אויז צו מעקין". לשון זהב, דף 13. 761

געפ̄ - 69.

(?נ?) ג ע פ̄ ו נ ד ן - ←----- <u>געפ̄ונען</u>.

געפֿ – 70.

געפֿונדעוועט I – 1. פֿאַר פֿון <u>פֿונדעווען</u> (גרינדן).

(?נ?) 2. <u>פֿאָדי/פֿאָדור.</u> פֿעסט, סאָליד, גוט איַינגעאָרדנט; איַינגעפֿונדעוועט.

1957 " יעדע פֿאַמיליע האָט זיך געהאַט איר אייגענע
גוט <u>געפֿונדעוועטע</u> |...| ווירטשאַפֿט". 409
<u>י. י. שניאורסאָן, 2, 410.</u>

ג ע פֿ ו נ ד ע ו ו ע ט !! - פֿאַר פֿון פֿונדעווען

(טראַקטירן, מכבד זײַן).

געפֿ - 72.

(?נ?) ם |געפֿונט| ג י פֿ ו נ ט - |<u>דאס?</u>|, בינטל.
ד

1676 " אזו איין פֿרויא צירט זיך אים באד אונ׳

הענגט זיך קיטן אן אונ׳ איין **<u>גיפֿונט</u>** פֿינגרלך 410

אונ׳ ארום בענדר". <u>ברנט שפיגל, פרק לז.</u>

ג ע פ ו נ ע ן – 1. פֿאַר פֿון געפֿינען.

2. אַדי. וואָס מע געפֿינט/מע האָט געפֿונען.

1912 " |...| געחידושט וואָלט אים, וואָס מען האַלט נאָך בשתיקא דעם געפֿונענעם אוצר און מען איז ניט מרעיש עולם וועגן דעם". זשיטלאָווסקי, 1, 203. 410/א

1936 " |...| די געפֿונענע ברודערשאַפֿט שמעקט מיט געזאַנג און מיט פֿרוכט". סוצקעווער, 3, 53. 410/ב

1960 " |...| האָט דער דיכטער אַריינגעפֿירט דעם פּויליש= ייִדישן יונגן=מאַן, וואָס העלפֿט פֿאַן וויאַדאָמסקין אָריענטירן זיך אין דעם געפֿונענעם אַלטן מאַנוסקריפּט". ניגער, 10, 289. 401/ג

(?נ?) || געפֿונענס – דאָס, =ן. |מארק וב 1847|. אַ געפֿונענע זאַך; געפֿינס.

P: znalazek

(?נ?) ג ע פּ ו צ י ע ו ו ע ט – פֿאַר פֿון <u>פּוציעווען</u>.

געפּ - 75.

(?נ?) ג ע פֿ ו ר - דאָס, באַ. (שנש) "אַלע מינים פֿורן"

442

|י. מאַרק, 1930|.

רעד: מער ניטאָ אויפֿן קאַרטל...

ג ע פֿ ו ר ע מ ט - 1) פֿאַר פֿון פֿורעמען.

2. וואָס איז פֿאַרמירט [ראַכקינד].

(?נ?) 3. (סאָוו) וואָס איז אָנגענומען אויף אַן אַרבעט לויט אַלע נייטיקע פֿאָרמאַליטעטן [ראַכקינד].

|| געפֿורעמטערהייט - אַדוו. אין מצב פֿון זיין געפֿורעמט.

געפֿורעמטקייט - די, בא. אייגנשאַפֿט אָדער מצב פֿון זיין געפֿורעמט.

ג ע פּ ו ש ע ר ט - פֿאַר פּון פּושערן.

ג ע פֿ י ב ע ר ט - פֿאַר פֿון פֿיבערן.

געפּ - 79.

(?נ$\frac{8}{2}$)   ם |געפּיגט| ג י פּ י ג ט - אדי/אדוו. צונויפּגעשטעלט,

געבונדן.

1610 " צווייא ניגל צו ברעט דעם איינן געפּיגט

איינש צום אנדרן דוא זולשט מאכן|...|".   446

טייטש=חומש, שמות, לו - בב.

1737 " מקבילות הללאות אשה אש אחותה - געפּיגט".

מלמד שׂיח, 2/49.   448

רעד: ס'איז מסתמא דזוו "געפּוגט"; D: fügen

(?נ?) ם |געפּיגן| ג י ב ו י ג ן – באַשטימען, באַשליסן.

15.44 " איך וויל ניט בלוט בֿור גישן בֿון קיינם ורומן

מאן.// אז לאנג איך הון דש לעבן אונ' איכש 402

גיבֿויגן קאן". שמואל=בוך, סטראָפֿע 639.

ג ע פֿ י ד ל - דאָס, בא. דאָס דויערנדיקע פֿידלען

אָדער דאָס פֿידלען פֿון (אויף) אַ סך כּלים.

.... " און דאָס געזשום און שמוצער און געפֿידל

פֿון גריל און היישעריק", |מקור?|. 449

ג ע פֿ י ד ל ט - 1. <u>פֿאַר פֿון</u> <u>פֿידלען</u>.

2. <u>אַדי/אַדוו</u>. (<u>שנש</u>) אין דער פֿאָרעם פֿון אַ פֿידל.

1940 " ניט ווי די <u>געפֿידלטע</u> טאַליעס פֿון אירע

טעכטער // איז די טאַליע פֿון דער מאַמע ערד". 450

<u>לייוויק, 6, 227.</u>

ג ע פֿ י ד ע ר ט - פֿאַר פֿון פֿידערן |האַרקאַווי|.

|| געפֿידערטקייט - די, בא. אייגנשאַפֿט אָדער מצב פֿון זײַן געפֿידערט.

ג ע פּ י ט ע ר – דאָס, בא. די שפּײַז פֿאַר פֿערד, בהמות, שאָף. % דאָס געפּיטער פֿון פֿערד אום ווינטער באַשטייט פֿון האָבער און היי.

1924 " די פּראָדוקטן, וואָס באַקומען זיך פֿון די בעלי=חיים
461 אַנטהאַלטן ווייניק וויטאַמין "C" אָבער דאָס הענגט
אָפּ |...| פֿון דעם געפּיטער וואָס די בהמות קריגן".
פֿער 151, נ' 9.

... " מען דאַרף ברויט און געפּיטער". ברוסילאָוו,
460 דערצ' "פֿאַרפּלאָנטערטע וועגן" |וו.?וועגן?|.

געפֿ - 85.

ג ע פֿ י ט ע ר ט - פֿאר פֿון פֿיטערן.

ג ע פֿ ײ ל ט – פֿאַר פֿון פֿײַלן.

|| געפֿײַלטקייט – די, בא. אײַגנשאַפֿט אָדער מצב פֿון זײַן געפֿײַלט.

ג ע פּ ײַ נ ט - 1. (עלט) וואָס מע האָט פֿײַנט, פֿאַרהאַסט.

1833 " אונ גאט זעט אז דיא וואש מאכין ליצנות זעגין
גפּיינד בייא אים". איבן, שבט מוסר, דף כח/1. 468

1875 "|...| דער וואָס האַלט זיך בגאווה, איז געפּײַנט
בײַ לײַט". קבֿ הישר, 5, 28 - II. 481

1885 " |...| אַזוי ווי מידע און פֿאַרחלשטע, און קיינער
איז ניט געווען צו דערקוויקן, אַזוי ווי געפּײַנטע, 482
און עס איז ניט געווען קיין ליב האָבער".
איבן, מחזור, 4, 258.

2. (עלט?) פֿאַר פֿון פּײַנטן.

1941 " און אים |יוסף| געביטערט און געשאָסן און
אים געפּײַנט האָבן די פּײַלמענער". תּרגום יהואש, 472
בראשית, מט - 23.

ם גיפּיינט/גיפּיינד.

1626 " אונ' איין גיפּיינטי פרוי |...| ווען זיא
איין מן נעמט |...|". ס' המגיד, 1, משלי, ל - כג. 474

1722 " אך אזו דורך דיא צונג פון מענשן איז ער
גליבט אוזר גפּיינד בייא דיא לייטן אונ' אך בייא גאט". 470
מנורת המאור, דף סא/א.

ג ע פּ י י ע ר ט - 1. פֿאַר פֿון פֿײַערן.

2. אַדי, (עלט) זייער פֿעיקער, געניטער, דורכגעטריבענער; פֿײַערדיקער.

1872 " האָט ער פּחד געהאַט, ווען די הולדא וועט זיך פֿאַרהייראַטן מיט דעם יוזעף, וואס איז געוואָרן איין געפֿײַערטער יוריסט, וועט ער אים צוזאָגן זייער שטארק דעם קאָפּ און וועט אים אויסטאָן ביז איין העמד". דיק, 56, 39. 482/א

רעד: {ניט זיכער אין אויסטייטש}.

ג ע פּ ײַ ף - דאָס, בא.דאָס דויערנדיקע פּײַפֿן אָדער דאָס פֿילפֿאַכיקע פּײַפֿן.

1927 " אורי ברומט אויס מיט די ליפּן אַ ווינטגעפּײַף", לייוויק, 1, 75. 499

1938 " אויף די וועגן און אין די שטיבער, אומעטום און נאָך אַנאַנד האָט מען געהערט דעם בויערנדיקן און אומענדלעכן געפּײַף פֿונעם ווינט". נח לוריע, 160,4. א/499

1972 " די פּאָליציי האָט אַרויסגענומען מענטשן פֿון די בעטן,|...| געפּײַף און געשרייען האָבן געשניטן די לופֿט". ראָזענפֿארב, 3, 560. 494

|| געפּײַפֿערײַ - דאָס, בא. דזוו דפּוו.

... " פּלוצלינג ווערט אַ געפּײַפֿערײַ, אַ געשווישצערײַ, אַ געקלינגערײַ פֿון גאַס |...|". פּרץ, דערצ'-"דער אלטער ר' שמשון". 503

1911 " אויף די גאַסן איז אַ גערודער, אַ געטומל |...| אַ גערויש, |...| אַ טראַסקערײַ, אַ געפּײַפֿערײַ". מוירער, 1, 11. א/503

1946 " ר' מענדעלע האָט געשנײַצט |די נאָז| הויך און ברייטלעך און מיט אַ געפּײַפֿערײַ". י.י.טרונק,180,4. קאנק

ג ע פֿ ײַ פֿ ט - פֿאַר פֿון פֿײַפֿן.

ג ע פ̄ ײ פ̄ ל ט – פֿאר פ̄ון פ̄ײַפ̄לען.

88

ג ע פ י ל – דאס/דער. =ן. 1. פסיכישע איבערלעבונג, וואס איר מהות איז דאס באציִען זיך אפעקטיוו (ניט קאגניטיוו, אינטעלעקטועל) צו ווירקנדיקע אימפולסן (צו זאכן, דערשיינונגען, צו אנדערע מענטשן, צו זיך אליין); עמאציע. % פריידיקע געפילן. ניט=איינגענעמע געפילן. מאדנע (אומקלארע, פארנעפלטע) געפילן. ער האט צו דעם פרעמדן קינד פאטערלעכע געפילן.

א גאמע (א כוואליע, א געמיש) פון געפילן. ארויסרופן (אויסדריקן, ארויסברענגען, אויפוועקן) א געפיל. ווערן באהערשט (דורכגעדרונגען, דורכגענומען, פארכאפט) פון א געפיל. האבן, איבערלעבן א געפיל. געפיל פון פרייד (טרויער, שטאלץ, קינאה, שינאה, רחמנות, באדויער, יִיאוש, בענקשאפט, חרפה, ביטול, שרעק אד"גל).

טיפקייט (פרישקייט, אינטענסיווקייט) פון געפיל.

92|1

1873 " איך בין פֿאַרציטערט געוואָרן, פֿײַערדיקע

<u>גע**פֿילן**</u> פֿון רחמנות האָבן ווידער אָנגעצונדן מײַן 547

בלוט". <u>מענדעלע, 9, 32</u>.

1917 " אין דעם פֿאַל איז דער אײַזערנער רייף געווען

די אָפּמינטערונג פֿון דעם ייִדישן נאַציאָנאַלן <u>געפֿיל</u>". 520

<u>זשיטלאָווסקי, 5, 107</u>.

1932 " דאָ זינקט פּענעק אײַן אין אַ ים פֿון מחשבֿות

און <u>געפֿילן</u>". <u>בערגעלסאָן, 13, 322</u>. 665

1958 " זיי ברענגען דעם מענטשן אַ <u>געפֿיל</u> פֿון דער-

הויבונג". <u>ביקל, (1), 203</u>. 613

.2 <u>(ספּעצ. ס'רובֿ אין מצ)</u> ליבע פֿון אַ מאַן צו אַ פֿרוי
אָדער פֿאַרקערט. ס'האָט זיך אין אים אָנגעצונדן אַ <u>געפֿיל</u>
צו דעם מיידל. זי ענטפֿערט ניט אויף זײַנע <u>געפֿילן</u>.

93-94

1913 " ער וועט אפֿשר |...| קיין מאָל זײַנע <u>געפֿילן</u>

צו איר אויפֿן מויל נישט אַרויפֿברענגען". 508

<u>בערגעלסאָן, 11, 105</u>.

1944 " |...| האָט די |...| ליב געהאַט מיט דער ליבשאַפֿט

פֿון אַ שטילער ייִדישער טאָכטער, וואָס קלערט גאָרנישט קאנק

איבער און שענקט אַוועק אירע <u>געפֿילן</u> לויט די געבאָטן

פֿון דער תּורה". <u>י. י. טרונק, 3, 17</u>.

3. פּסיכישע איבערלעבונג אין רעזולטאַט פֿון געוויסע

פֿיזיאָלאָגישע אימפּולסן; שפּירונג. % <u>געפֿיל</u> פֿון

ווייטיק. בלויז קוקנדיק אויף דעם עסנוואַרג האָט דער

קראַנקער געהאַט דאָס <u>געפֿיל</u> פֿון איבל. פּלוצעם האָט

אים פֿאַרפֿעלט אָטעם און ס'האָט אים דורכגענומען אַ

<u>געפֿיל פֿון אַנגסט</u>.

1928 " |...| דער מאָגן איז אַ האַרטער (עצירות), אַן

אָפּטער <u>געפֿיל</u> פֿון ברענעניש, פֿון צו פֿיל זויערקייט". 598

<u>פּעקער, (1), 161</u>.

93|1

1935 " אין פֿאַרמאַכטע לאָקאַלן, ווי מע אָטעמט אויס

קוילן=זויערגאַז,|...| ווערט דער גאַז געפֿערלעך,|...| 567

רופֿט אַרויס קאָפּווייטיק,|...| אַ ברעכגעפֿיל און אַ

לייכטע פֿאַרגיפֿטונג". מאַץ, (1), 259.

4. אַלגעמיינע נטיה (איינשטעלונג, נאַטור, טענדענץ)

צו באַציִען זיך אַפֿעקטיוו (און ניט קאָגניטיוו, אינטעלע-

לעקטועל) צו ווירקנדיקע אימפּולסן; עמאָציאָנעלקייט.

% מע האַלט אים פֿאַר זייער אַ טרוקענעם מענטשן, פֿון

לויטער לאָגיק און געפֿיל. קינדער רעאַגירן ניט לויטן

שׂכל, נאָר לויטן געפֿיל.

1873 " אַן אַנדערער זאָל אַזוי פֿיל ווי איך|...|

איבערטראָגן צרות און לייד,|...| וואָלט ער,כ'לעבן, 659

שוין לאַנג פֿאַרלוירן זיין פֿאַרשטאַנד, זיין געפֿיל".

מענדעלע, 9, 33.

1927 " געוויינטלעך האָט דעם סאָלדאַט, וואָס האָט באַזעסן
אַ ביסל <u>געפּיל</u> |...| זײַן געוויסן ניט דערלאָזט צו 577
ווערן אַ "בענדלדיקער" |אַן אונטער=אָפּיציר| |...|
ווײַל אַזאַ איינער מיט אַ האַרץ, האָט געקאָנט לײַכט
אַרײַנפּאַלן אין תּפיסה |...| פֿאַר דער מינדסטער
מילדערער באַציִונג צו זײַן סאָלדאַט". <u>היישעריק, (1), 53.</u>

1958 " זיי זוכן עוקר צו זײַן יעדע אומפּראַגמאַטישע
בויערניש פֿון <u>געפּיל</u> און פֿון שכל, וואָס מיט גוטע
און מיט שלעכטע כּוונות פֿירט זי בלויז צו זינד
פֿון פּראָמעטעיִשקייט". <u>ביקל, (1), 361.</u>

1967 " אָ, ער איך גאַנצן שׂכל, און איר זענט אין
גאַנצן <u>געפּיל</u>". <u>באַשעוויס, 155, II/18.</u> 654

|| <u>געפּיליק</u> - <u>אַדי/אַדוו</u>. וואָס נעמט אויף/רעאַגירט
לויטן געפּיל, זייער גיך, לעבעדיק, אינטענסיוו;
סענסיטיוו; שפּירעוודיק. % ער איז אַ <u>געפּיליקער</u>

94|1

מענטש און האָט רחמנות אויף יעדן אָרעמאַן. דער חבֿר מײַנער איז זײַער אַ געפֿיליקער, באַליידיקט זיך פֿון אַ ליאַדע קלייניקייט.

1882 " |...| נאָר אויב די ייִדן ווילן דווקא עמיגרירן – קען מען דאָך מיט געוואַלט ניט זײַן געפֿיליק". 721

פֿער 74, II/4.

געפֿילעכץ – דאָס, =ן. (איר) געפֿיל(ן). % רחמנות, מיטגעפֿיל זײַנען פֿאַראַן ציניקער געפֿילעכצן פֿון שוואַכע.

1868 " וואָס טויג מיר דײַן |...| איידל האַרץ, געפֿילעכץ? עט, עס איז אַלץ בלאָטע, אַז מען האָט געלט, האָט מען 729 אַלצדינג". פֿער 177, ב' 11, III/83.

1960 " איך אַליין האָב פֿון מיר געמאַכט חוזק, מיט מײַנע געפֿילעכצן". טיגער, 1. 739

0 געפילְלאז(יק) - אדי/אַדוו. (דטשמ) אָן געפילן, אָן סענטימענטן, אומשפּירעוודיק.

1951 " אין דער פּאָעמע איז ער געשילדערט ווי אַ געפילְלאַזיקער |...|". בן=יצחק, פּער 106, 1365. 723

געפילמאַן - דזוו געפילמענטש.

1932 " איך בין נישט קיין בלעם, נישט קיין בילמאַן - // איך בין אַ געפילמאַן, פיל איך טאַקע אַ פּאַרדראָס!". שטיינבאַרג, 1, 77. 724

געפילמענטש - דער, =ן. דער וואָס נעמט אויף/ רעאַגירט דער עיקר לויט זיינע געפילן, נית לויטן שכל.

? נ ? געפילמעסיק - אדי/אַדוו. סענטימענטאַל.

רעד: נית זיכער אין אויסטייטש.

**געפֿילמעסיקייט** - די, בא. סענטימענטאַלקייט.

1966 " |...| אויסגעוואָרצלט פֿון אים די געפֿילמעסיקייט

פֿון זײַן מוטער". צאַניק, 1, 16. 725

**געפֿילפֿול** - אַדי/אַדוו. דורכגעדרונגען מיט געפֿיל(ן).

1951 " אין טאָג=טעגלעכן פֿאַרהאַלטן זיך צו מענטשן

און צו זיך אַליין [...] איז ער געווען געפֿילפֿול, 747

סענטימענטאַל". ניגער, פֿער 106, 1070.

1971 " די אינעליגענץ כאַפּט עס |די אומצופֿרידנקייט|

אויף און גיט עס איבער צו די סאַמע געפֿילפֿולסטע 748

פֿאַרשטייערס - צו די קינסטלערס". י. גלאַטשטיין,

פֿער 69, ז/15.

**געפּילרײַך** - אָדי/אַדװ. װאָס לעבט איבער אָדער ברענגט אַרױס אַ סך געפּילן.

1965 " אַנטאָקאָלסקי איז |...| געװען אַ **געפּילרײַכער** |מענטש|, ער האָט ניט זעלטן |...| אַרױסגעװיזן דאָס אין זײַנע װערק". פּער 107, 510. 751

**מיט געפּיל** (רעדן, זינגען, שפּילן אע) - מיט עכטער איבערלעבונג, איבערצײַגנדיק. % די פּיאַניסטקע **שפּילט** ניט אַזױ מײַסטעריש אין דער טעכניק, אָבער **מיט געפּיל**.

1948 " דער לערער **האָט מיט אַ סך געפּיל פֿאָרגעלײענט** קאַפּיטלעך פֿון ייִדישער גבֿורה אין אונדזער געשיכטע". 510

~~ל. ריידער,~~ פּער 44, נ' 10, 15.

1960 " ער **האָט געערדט** זײער בילדלעך און **מיט געפּיל**". סימאָן, 2, 266. 608

96/1

האבן דאס (א) געפֿיל אַז... – פֿילן (שפּירן, האָבן דעם איַינדרוק, טראַכטן, מאנען) אַז...

1948 "מע האָט אויסגעזען געל, פֿאַרמאָרעט פֿון וויסן און האָבן דאס געפֿיל אַז די פֿאַרגאַנגענע נאַכט איז ניט קיין אויסגאַנג פֿונעם צער, נאָר ערשט אַן אָנהייב". קאנק

נסתּר, 6, 113 – 114.

1968 "האָט סלאָווע ניט פֿאַרהערט קיין איין וואָרט פֿון זײַנע רייד און דערבײַ געהאט א געפֿיל, אַז כאָטש ער קוקט אויף איר, זעט ער זי ניט". גראַדע, 7, 181. קאנק

האבן א געפֿיל אין עפּעס – האָבן קענטעניש, געניטשאַפֿט, נסיון. % ער האט אַ געפֿיל אין נגינה, ער שפּילט אַפֿילו פֿידל אויך.

1888 "רפֿאל האָט געכאַפּט דעם שניט, זיך אויסגעאַרבעט
אין גלופּסק, אַצינד האָט ער שוין אַ געפֿיל אין דעם 642
האַנדל". מענדעלע, 3, 202.

1922 "|...| דערציילט האָט עס |איר קול|, פֿאַר
וואָס זי האָט אַ געפֿיל אין אַ שיינעם מאַנצביל |...|". 626
בערגעלסאָן, 5, 15.

האָבן אַ געפֿיל צו/פֿאַר עפּעס/עמעצן – האָבן אינטערעס,
פֿאַרשטענדעניש.

1869 "|...| וויניקסטנס אום שבת דער ייִד זאָל
מיט פֿײַער דינען צו דעם בורא ב"ה, צו דעם האָט 542
ער קיין געפֿיל. דאָס פֿײַנע אידעלע ייִדישע האַרץ
|...| איז דאָך בײַ אים שוין אָפּגעפֿאָרן".
שלעזינגער, 1.

97/1

קאנק

1968 " אויב אַזאַ ייִד | דער רבֿ | האָט אַ געפֿיל פֿאַר אַ באַציִונג פֿון יאַטקעווער גאַס, וועט ער דאָך האַלטן ניט ווינציקער איַינזעעניש מיט אַן אַלטן צעבראָכענעם מאַן". גראַדע, 7, 57.

פֿאַר מײַן (דײַן, זײַן) געפֿיל — ווי איך פֿאַרשטײ, לויט מיר.

1938 " פֿאַר מײַן געפֿיל הייסט 'פֿאַרוועגדן' אין ייִדיש — פֿונעם אײַנבינדערישן לשון — מערניסט איין זאַך: פֿאַרבייטן די קונטריסים". פֿרילוצקי, פֿער 92, נ' 8. 595

(אַנ)טרעטן אויף עמעצנס געפֿילן — רעדן אָדער טאָן עפּעס, וואָס רירט אָן זייער ווייטיקלעכע ענינים, באַליידיקן. ניט רעכענען זיך מיט יענעמס געפֿילן.

1919 " איין מאָל האָט צו שטאַרק אָנגעטראָפֿן מײַנע געפֿילן" קאַצאָוויטש, (1), 239.

<u>אָפּטעמפּן די געפֿילן (וואָר: פֿאַרשטאָפּן, פֿאַרטויבן,</u>

<u>אײַנשלעפֿערן, אָפּטייטן)</u> – גורם זײַן גלײַכגילטיקייט,

אומפֿעיִקייט זיך אָפּצורופֿן אויף עוולות, אומגערעכטקייט.

1963 " היטלערס רוצחישע האַנט וועט אונדז ניט קאָנען

634 אָפּשטויסן און <u>אָפּטעמפּן אונדזערע געפֿילן</u> און אונדזער

גלויבן". <u>א. אַלפּערין, פּער 69, III/3</u>.

ם <u>געפֿיל</u>.

←---- 1.

1716 " אונ' אין מוח רואן דיא קראפטן פון דיא זיל

649 אונ' פר שטאנד, אונ' איז דער קוועל פון דש <u>גפֿיל</u>".

<u>חובות הלבבות, דף לז - 2</u>.

5. חוש.

98/9

682

1716 " דר נאך קומט דש קינד אין דיזה וועלט אונ'

איז נאך שוואק אין זיין <u>גפילן</u> פון זעהן אונ'

הערן |...|". <u>חובות הלבבות, 1, דף לז - 1</u>.

<u>רעד</u>: כ'האָב אַ חשד אַז אויך די ערשטע ציטאַטע האָט

א אַ שייכות צום באַטייט 5, מאָדנע, וואָס ס'[illegible]

ס'זייַנען באַ אונדז ניטאָ קיין ציטאַטן צום באַטייט1,

אין גאַנצן קלאָרע!...

[redacted] - געפֿ

98/2 (גע) פֿילאָזאָפֿירט - פֿאַר פֿון פֿילאָזאָפֿירן.

ג ע פֿ י ל ט I - <u>פֿאַר פֿון פֿילן</u> (שפּירן, האָבן אַ געפֿיל).

91

געפּילט II - 1. פֿאַר פֿון פּילן (אָנפּילן, פֿול מאַכן).

2. פֿאַדי. וואָס איז אָנגעפּילט מיט עפּעס (ס'רוב וועגן שפּייַזן). % אין טשאָלנט איז אויך געווען אַ גוט געפּילט העלדזל.

1888 " |...| מיטקאַ האָט ליב געהאַט אַ ייִדיש שטיקל
חלה, |...| ווער שמועסט אַ ייִדיש שטיקל געפּילטע פֿיש קאַנק
איז גאָר אַ וווּנדער!" מענדעלע, 3, 18.

1914 " |...| און אײַנגעלייגטס מיט פֿאַרפֿעלעך,
אַ מערן=צימעסל מיט אַ שטיקעלע געפּילטע קישקע |...|". 705
שלום=עליכם, 9ב, 371.

1944 " |...| איז אויך געווען אַ פּילוועשקער מאכל.
מען האָט געקענט אַרײַנגעבן אין טשאָלנט אַ געפּילטע 714
פּריפּלוע (דאָס איז די אייבערשטע טייל פֿון פּלאַנקען,
גאַנץ דינע פֿלייש)". ל. הערש, פֿער 90, IV - 52,2.

100/1

1955 "אין אַ יום=טובֿדיקן שבת איז אויך געווען
א געפֿילט מעגעלע". ש. הורוויץ, פֿער XV,90 -91,3. 706

1968 "אין פֿראַנקפֿורט אַם מײַין איז געווען אַ מינהג,
אַז די ייִדן האָבן געמאַכט אַ געפֿילטן קוכן פֿון קעז 717
אָדער פֿלייש אין דער פֿאָרעם פֿון אַ לייטער מיט
זיבן שטאַפּלען |...|". מ. אונגער, פֿער 69, VIII/22.

געפֿילטע בלומען – (באָט) בלומען וואָס האָבן אַ
גרויסע צאָל קרוינבלעטלעך |איבזט א. גאָלאָמב, 2, 187|.

געפֿילטער קראָפּ – (לאָקל, סאָניק) "צונאָמען פֿאַר אַן
אָנגעשטאָפּטן גבֿיר"|קטוו|.

100/2

שור: <u>געפעלטע צרות איז בעסער ווי געפילטע פיש</u> -

("געפעלטע"ווערט דא ארויסגערעדט "געפילטע" (<u>דזאל</u>׳
אין טייל פאלוו[illegible]יע/וואלין).

ם <u>גפילט.</u>

1752 " מן גהער דיא ווייבר צו ווישן טאן ווען זיא
וועלן יום טוב וואש עשן וואריג צו ניאן דהיינו
<u>גפילטי</u> הינר|...| אזו מוזן זיא דעם פאדין אין 698
דער ניא נאדל אן ערב יום טוב איין ציהן אונ ניט יום טוב".
ס׳ עץ חיים, דף נג - 1.

געפֿ - [redacted]

100/3

(גע)פֿילמירט - פֿאָר פֿון פֿילמירן.

 93

ג ע פ̄ י ל ע כ ץ I - דאָס, =ן. 1. דער מאַטעריאַל מיט וועלכן מע פ̄ילט אָן (ס'רובֿ וועגן שפּייַזן).

% קרעפּלעך מיט געפ̄ילעכץ. קיכלעך מיט זיס געפ̄ילעכץ.

1874 " און אַזוי אַ טייג, וואָס אין איר איז פ̄אַראַן

731 אַ געפ̄ילעכץ, |...| וואָס די טייג איז אָנגעפ̄ילט מיט פ̄לייש אָדער פ̄יש, |...| ווערט די געפ̄ילעכץ אַ טפל צום טייג און די געפ̄ילעכץ ווערט פּטור פ̄ון אַ ברכה".

איבן ס' ברכת הנהנין, ז' 49.

1930 " מען צעשנייַדט דאָס טייג אויף פ̄ירקאַנטיקע

737 שטיקלעך און מען פ̄ילט עס אָן מיט פּאָלגנדע געפ̄ילעכץ: געלעכער, געשטויסענע מאַנדלען, צימרינג |...|".

שאַפ̄ראַן, (1), 118.

1967 " |...| שטאָפּט ניט אַרייַן צו פ̄יל געפ̄ילעכץ,

735 ווייַל די קישקע ווערט אייַנגעשרומפּן |...| און זי וועט פּלאַצן". א. בראַוואַרסקי, פּער 155, IV/9.

101/1

2. אַ שפּיַיז וואָס איז אָנגעפֿילט מיט עפּעס.

1868 " לעבן צדיק אויבן אָן איז געשטאַנען אַ היפּשע
744 פֿלאַש ווימאַראַזעק |...| מיט אַ געפֿילעכצל, גאָר
גאָטס ווונדער". ליניעצקי, 9א, 37.

1961 " ער אַליין, דער גאון |...| ר' י.איסערלין, פֿלעגט
736 פּריַיַטיק עסן אַ ווַיס געפֿילעכץ |...|".
מ. אונגער, פֿער 69, צח 3.

1890 " לחיים, |...| האָט די אַלטע געגנטפֿערט מלא
733 שׂמחה און האָט אים אָנגעגאָסן נאָך אַ כּוסה און געגעבן
ווידער פֿאַרבַּיסן אַ שטיק געפֿילעכץ". דינעזאָן (1).

/063)

ג ע פֿ י ן - דער, =ען. |טשטוש 326, 495|. (נש)

1. עפּעס וואָס מע געפֿינט; מציאה.

2. אַן אויסגעפֿינס, אַן אַנטדעקונג.

3. אַן אויסספּיר, פֿעסטשטעלונג.

0 **געפֿינאָרט** - דאָס ~ערטער. 1. דאָס אָרט ווו מע געפֿינט עפּעס.

1912 " |...| אָבער די חכמה, ווו געפֿינטמען זיך?

753 און ווו איז דער **געפֿינאָרט** פֿון דער דערקענטעניש?".

זשיטלאָווסקי, 1, 225.

(?נ?) 2. (סאָוו) אָרט ווו מע וווינט, אַדרעס |ראַכקינד|.

% אין דעם פּאַספּאָרט האָט מען זיין **געפֿינאָרט** אומפּינקטלעך פֿאַרשריבן. [Местонахождение רוסיש פֿון האַלקער].

(?נ?) **געפֿינגרוב** - די ~גריבער. אָרט ווו מע געפֿינט זייער אַ סך זאַכן; קוואַל, אוצר.

1912 " און וויפֿל פּערל קאָן מען נאָך האָפֿן צו געפֿינען,

א/753 ווען מען וועט זיך ערנסט נעמען פֿאַר דער באַאַרבעטונג פֿון אָט דער רייכער **געפֿינגרוב**". זשיטלאָווסקי, 2, 158.

(?נ?) ג ע פ̄ י נ ב א̲ ר - א̲די/אדוו. (דטשמ) וואָס לאָזט זיך געפ̄ינען/אויסגעפ̄ינען|מארק רוב 1847|.

ג ע פֿ י נ ג ע ר ט – <u>אדי/אדוו</u>. וואָס זעט אויס ווי פֿינגער, ענלעך צו פֿינגער.

1935 " פֿון אַ דיק <u>געפֿינגערט</u> גלאָז אויפֿן פֿענצטער

755 ציט זיך אַ קליין בלוי איילפֿלעמל". <u>פֿערלע, 3, 20</u>.

1922 " מיר אונטערשיידן געדריטלטע |...| פֿינגערדיק

759 און פֿעדערדיק צוזאַמענגעזעצטע בלעטער (<u>געפֿינגערטע</u>,

געפֿעדערטע )". <u>איבז, א. גאָלאָמב, 2</u>, 106.

1954 " די אַנדערע שוועסטער האָט געלייגט אַ רעפּטל ברויט,

758 אַ מעסער, געשטעלט אַ <u>געפֿינגערט</u> זאַלצמעסטל מיט זאַלץ".

<u>דעמבלין, 4, 141</u>.

ג ע פּ י נ ד ל - דאָס, =עך. | סטוטש 238 | . (נש?)
אַ קליין קינד, וואָס מע האָט געפֿונען פֿאַרלאָזט דורך
דער מוטער און אונטערגעוואָרפֿן צו פֿרעמדע מענטשן,
בײַ אַ שפּיטאָל, יתומים=הויז; פֿינדלקינד.

|| געפֿינדלינג - דער, =ען. | סטוטש 238 | . (נש?) דזוו דפֿוו.

0 געפֿינדל=הויז - דאָס, ~ הײַזער. אינסטיטוציע
וואָס פֿאַרנעמט זיך מיט דערציִען אונטערגעוואָרפֿענע
קינדער.

(?נ?) ג ע פֿ י נ ד ל ט – אַדי/אַדוו. בנב.

764

... "|...| געפֿינדלטע גריוועס |...|". מאַרקיש.

| |
|---|
| רעד: מער קיין ביבל דאַטן איז ניטאָ אויפֿן קאַרטל. ס'איז, אַגבֿ, ניט קלאָר צי מע דאַרף לייענען "געפֿינדלט" צי "געפֿונדלט". |

געפֿ - 107.

ג ע פֿ י נ ד ל ע כ ק יי ט - ---→ <u>געפֿינלעכקייט.</u>

ג ע פֿ י נ ו נ ג - די, =ען. 1. אַקט אָדער
רעזולטאַט פֿון געפֿינען, אַלע בב.

1959 " |...| באַגריס דײַך געפֿינונג |...|".
771 לייוויק, 12, 46.

... " |...| קריטישע געפֿינונגען". נ. גלאַזער, (נ' XXV, 3)
770 פֿער, 94, 65.

1966 " |...| צווישן געפֿינונג און פֿאַרליר, // דער
א/773 שקר פֿונעם אמת |...|". קופֿערשמיד, (1), 50.

2. (עלט) דאָס זײַן, עקזיסטענץ.

... " גאָט לאָזט זיך געפֿינען ווען מ'רופֿט אים מיט
772 דעם גאַנצן האַרצן און ס'איז ניטאָ קיין צײַט צו
זײַן געפֿינונג". איבז, מחזור, 6, 2.

□
גפֿינונג.

1752 " השי"י לאזט זיך גפֿינן ווען מן אים אן רופֿט
773 מיט גנצן הערצן אונ' איז קיין צייט צו זיין
גפֿינונג". ס' עץ חיים, דף 3.

110 — 109 - געפֿ

(?נ?) ם |געפֿינלער| ג פֿ י נ ד ל י ך - אדי. עקזיסטירנדיק,
רעאַל.

1744 " נון וואן איך שון וואר אנטרונין מיט דיא
774 דערבארמיקייט פון גאט ב"ה וואש איביר מיר איז פון
די גפֿינדליכי נאטירליכי פֿר טומלונג דש איר בשטענדיקייט
ניט אפֿט אדיר פֿיל איזט |...|". בחינת עולם, דף יז - 3

(ב) ם גפֿינליך קייט — די וואו. דאס זיין, עקזיסטענץ.

1744 " |...| איר, בשטענדיקייט ניט אפט אדיר פֿיל
774 איזט אונ' אירי גפֿינליך קייט זיין איך פֿר מעכטיגין
גאר ווייט דען זאלכי זאכין קומן גאר זעלטין".
~~איבז~~. בחינת עולם, 1, דף יז - !!!.

1805 " דאש איז גאט ב"ה דר איז איביג אין זיין
766 גיפֿינדליכקייט אונ זיין גאנצקייט האט קיין ענד
אדר גימארקין". איבז. א. פֿאוויר, דף סד - 1.

(?ג?) ם |געפ̄ינ/לער| ג פ̄ י נ ד ל י ך - אדי. עקזיסטירנדיק,

רעאַל.

1744 " נון וואן איך שון וואר אנטרונין מיט דיא

774 דערבארמיקייט פון גאט ב"ה וואש איביר מיר איז פון

די גפ̄ינדליכי נאטירליכי פ̄ר טומלונג דש איר בשטענדיקייט

ניט אפ̄ט אדיר פ̄יל איזט |...|". בחינת עולם, דף יז-3.

גפ̄ינליך קייט - די, הבו. דבס זיין, עקזיסטנץ.

1744 " |...| איר, בשטענדיקייט ניט אפט אדיר פ̄יל

774 איזט אונ' אירי גפ̄ינליך קייט זיין איך פ̄ר מעכטיגין

גאר ווייט דען זאלכי זאכין קומן גאר זעלטין".

~~איבר~~. בחינת עולם, 1, דף יז - !!!.

1805 " דאש איז גאט ב"ה דר איז איביג אין זיין

766 גיפ̄ינדליכקייט אונ זיין גאנצקייט האט קיין ענד

אדר גימארקין". איבר. א. פ̄אוויר, דף סד - 1.

ג ע פֿ י נ ס  - דאָס, =ן. 1. אַ זאַך וואָס מע געפֿינט.

% אומגעריכט געפֿינס. ער האָט מזל צו געפֿינסן,

הייַנט האָט ער ווידער געפֿונען אין גאַס אַ צענער=דאָלאַר.

דאָס געפֿינס געהער צו דעם, וואָס האָט עס צום ערשטן

באַמערקט..

1894 " ער קערט זיך אום און דאָס האַרץ שפּרינגט פֿון

778 שׂימחה: אַ קשיא אויף אַ מעשׂה, ס'קאָן גרייַלעך זייַן

עפּעס אַ געפֿינס". גאָרין, 2, 4.

1943 " |...| יעדער טריט - אַ לויב דער ערד, וואָס

קאנק לוזי וואַקסט אויף איר און וואָס זי האָט אין זיך געפֿינס

געפֿינסן פֿאַר אים". נסתּר, 5, 293.

1966 " |...| ס'איז דאָך אַ געפֿינס,// געלעגן הפקר

781 אינעם גרינס |...|". האַלקין, 4, 238.

2. אויסגעפֿינס, אַנטדעקונג, אַנטפּלעקונג.

1939 " דאָס איז געווען זייער אַ וויכטיק פּרינציפּיעל

782 געפֿינס". מ. וויַינרייַך, 4, 77.

1946 " פֿאַראַן געפֿינסן, |...| וואָס וויַיזן, אַז דער

785 אלף=בית איז עלטער". ש. בירנבוים, פּער 94, XVIII.

103

ג ע פֿ י נ ע ן - <u>טרוו</u>, <u>פֿאַר</u> <u>געפֿונען</u>. 1. אָנטרעפֿן
זיך אויף עפּעס אָדער עמעצן, וואָס מע האָט געזוכט,
איז געווען באַהאַלטן, אויף עפּעס וואָס איז געווען
פֿאַרלאָזט, וואָס מע האָט אַליין פֿאַרלוירן אָדער עמעצער
האָט פֿאַרלוירן. % ער איז אַ בר=מזל - ער <u>געפֿינט</u>
אַלע מאָל געלט אין גאַס. גראָבנדיק די פֿונדאַמענטן
<u>האָט</u> מען <u>געפֿונען</u> אַלטע מטבעות. די קינדער <u>האָבן</u>
צופֿעליק <u>געפֿונען</u> אַ קירצערן וועג צו דער שול.
די בעל=הביתטע <u>האָט געפֿונען</u> די פֿאַרלוירענע שליסלען.
זי האָט געטאָן אַלץ צו <u>געפֿינען</u> איר ברודער, וואָס איז
פֿאַרשוווּנדן געוואָרן בעת דער מלחמה. די דײַטשן האָבן
ניט געקענט <u>געפֿינען</u> דאָס באַהעלטעניש פֿון די ייִדן.

1815 " אונ ער הָט זי ניט גיקאָנט <u>גיפֿונין</u> אונ מן
הסתם האבין אום חיות רעות אוף גגעסין". <u>בראַסלאַווער</u>, 855
<u>ז' לח/ג.</u>

112/1

1876 " |...| אַז איינער געפֿינט איין פֿאַרלאָרענע

זאַך און ער לאָזט ניט אויסרופֿן, דאָס ער האָט דאָס 1096

געפֿונען |...|". מוסעלאוויץ, 1, לז.

1908 " |...| איך האָב מיט שמערץ געזוכט, מיט פֿרייד

געפֿונען // דאָס ריינע ליכט, וואָס וועט מײַן נאַכט 1004

באַטאָגן". ראָזענפֿעלד, 2, ז' XIV [הקדמה].

1932 " דאָ |...| האָט איר געפֿונען אַ האַלב קערבל איך

אײַער גמרא.|...| דאָס האָב איך אײַך דעם האַלבן 832

קערבל אונטערגעלייגט". בערגעלסאָן, 13, 489.

1966 " אין פֿעלד געגראָבן האָב איך זיך אַ ברונעם

און גראָבנידק אַן אוצר כ'האָב געפֿונען". 994

האַלקין, 4, 259.

2. אַנטפּלעקן עפּעס אין רעזולטאַט פֿון בכּיוונדיקע

זוכונגען, פֿאָרשונגען, עקספּערימענטן; אַנטדעקן,

אויסגעפֿינען. % פֿאַרשידענע געלערנטע אַרבעטן צו

~~[illegible]~~

געפֿינען אַ מיטל קעגן ראַק=קראַנקייט. מע האָט
געפֿונען נײַע נאַפּטקוואַלן אין מדבר. דער
אַרכעאָלאָג האָט געפֿונען רעשטן פֿון אַן אַלטער
ציוויליזאַציע.

1833 "|...| אזו אוך האבין מיר גיהערט פיל אירלייי
951 קרענקין וואש עס ווערט געפֿונן צו זייא רפואות
|...|". איבן ר' משה בר' נתן-נטע, דף מא/2.

1871 "|...| האָט א גרויסער דאָקטער אין פּאַריז
429 געפֿונען עטלעכע מיטלען צו פֿאַרטרײַבן די האָר
פֿון דער הויט, אויס וועלכן אָרט מען וויל".
איבן דיק, 7, 16.

1917 "זיי טרײַבן אָן די וויסנשאַפֿט, זי זאָל
1014 אויספֿאָרשן די נאַטור און געפֿינען די מיטלען
ווי בעסער זי צו באַהערשן". זשיטלאָווסקי, 5, 166.

1927 "אַ דאנק דעם, וואָס ס'איז געפֿונען געוואָרן
1017 די באַצילע, וואָס רופֿט אַרויס דעם בויכטיפֿוס, איז

113/1

שוין פולקום מעגלעך די דאָזיקע קראַנקייט
צו אונטערשיידן פון אַנדערע ענלעכע קראַנקייטן".
שאַבאַד, 2, 3.

1940 " געלערנטע גראָבן און געפינען - שטיינער,
מצבות, |...| אויף די שטיינער אויפשריפטן. אין 828
די אויפשריפטן - מענטשן=גורל". קאַראַלניק, 2, 9.

3. צוקלייבן (זיך), צוזוכן/אויסזוכן עפּעס וואָס מע
וויל האָבן/ דערגרייכן. % ס'איז שווער איצט צו
געפינען אַ גוטע און ביליקע דירה. מע דאַרף געפינען
אַ פּאַסיקן שידוך פאַר אַ פאַרזעסענעם מיידל.
ער האָט לאַנג ניט געפונען קיין אַרבעט.
1866 " האָט ער |דער טאַטע| געאַקערט פאַר מיר אַ שידוך
צו געפינען עפּעס אַ בת=טובים". פּער 177, ג'40, ז'608. 973

געפֿ - 114.

... " זיי קלאַפּן אומזיסט |טעקסט: אומזונסט| ווו. עס

1084 איז נאָר אַ טיר, // זיי קענען קיין אַרבעט געפֿינען".

(143 א׳, III ב׳, ג׳)

א. ראַפּאָפּאָרט, פֿער 12, 61.

1900 " זי מוז מיט כּל-אמצי כּוחות געפֿינען אַ חתן

1007 |...|". מ. גאָטליב, פֿער 67, נ׳ 4, ז׳ 5.

1970 " צווישן די חורבֿות |...| האָבן מיר נישט

969 געהאַט ווו, זיך צו באַזעצן... קוים געפֿונען אַ

צימער, איין איינציקן צימער פֿאַר דער גאַנצער משפּחה".

ז. אַלטמאַן, יזב 7, 311.

4. (דער) זען, באַמערקן עפּעס. ווען מע האט זיך

אויפֿגעכאַפּט אין דער פֿרי, האט מען געפֿונען

די טיר אויפֿגעבראָכן. ער געפֿינט אַ גרויסע ענדערונג

אין זיין פֿריינד.

114/,

1836 " אין דער פריא שטייט ער אויף און גיפּינט דאש

זיין אוצר איז אפין און עס איז אלש ארויש גיגנבית". 919

לבֿ טובֿ, 3, 1/32.

1891 "ווען מען ברענט איבער אַ ברילקע ערד אין פֿײַער,

געפֿינט מען אין דער מיט אַ שוואַרץ שטיקל, איז אַ 1088

סימן, אַז אין איר איז דאָ פּוילע ערד". וועבער, 20,1.

1907 "וואָס פֿאַראַ פּירות געפֿינט איר ניט אין דעם דאָזיקן

גאָרטן? עפּל, און באַרן, און ווײַנשל |...|". א/1088

שלום=עליכם, 29, 47.

1926 -1930 " איר ווייסט? מוזיק הייבט אָן צו ווערן

אַ מאַניע. ווו אַ שטוב - געפֿינט איר אַ בויכיקע פּיאַנע". 946

אפּאַטאָשו, 12, 178.

1968 " זושע סולקעס קומט פֿרײַטיק פֿאַר נאַכט אין

בית=מדרש |...| און געפֿינט זײַן מיזרח=פּלאַץ א/946

אַרומגערינגלט מיט דער זעלבער חבֿרה |...|".

גראַדע, 7, 251.

.5 טרעפֿן עמעצן, אָנשטויסן זיך אויף עמעצן, באַגעגענען
(זיך), פֿעסטשטעלן עמעצנס זײַן, עקזיסטענץ, מצבֿ.
% כ'בין געווען בײַ דיר אָבער ניט <u>געפֿונען דיך</u>
אין דער היים. איך <u>האָב</u> אים <u>געפֿונען</u> ליגנדיק
אין בעט אין אַ געדריקטער שטימונג. ס'איז איצט
שווער צו <u>געפֿינען</u> אַ גוטן שנײַדער. ער <u>האָט געפֿונען</u>
אַ סך בעלנים אויף דער דירה.

1815 " |...| זענין זיי גיגאנגין אונ' <u>האבין גיפֿונין</u>
א לאנגין אָנגיר |פֿון אונגערן| איז ער זיי גיפעלין 1062
גוואָרין |...| האבין זיי אים אוף גנומין פֿאר אמלך".
<u>בראסלאווער, דף נז/א.</u>

1883 "|...| צווישן אַלע תּנאים און אַמוראים -
רעמעסלעניקעס |=בעל=מלאָכות| אַלערליי סאָרטן <u>געפֿינט</u> 1108
איר דען ניט דאָרטן?". <u>אָסטראָווסקי, 1, 31.</u>

115/1

1900 " אויף מאָרגן בין איך אַריבער צו אים. איך

1157 געפֿין אים זיצן בײַ אײן רמב"ם". אלפֿס, 1, 6.

1921 " |...| געפֿינען מיר אים שפּעטער // איך שענק

1124 בײַם פּראָסטן ביר |...|". סעגאַלאָוויטש, 6, 141.

1968 " זושע סולקעס |...| איז מאָנטיק אָוונט ניט

געקומען זיצן אין גמילות=חסדים=קאַסע. אַנשטאָט

אים האָבן די ווײַבער געפֿונען דעם ישיבֿה=בחור מיט

זײַנע תּלמידים". גראַדע, 7, 248.

6. קאָנסטאַטירן די עקזיסטענץ פֿון באַשטימטע ציטאַטן,

ווערטער, געדאַנקען, טעמעס אין געשריבענע מקורים.

% די דאָזיקע מימרא געפֿינען מיר אין מדרש. אין

סוצקעווערס ווערק געפֿינט מען אַ סך אָריגינעלע

נײַשאַפֿונגען.

1819 " ווידער זאל דער עולם וויסן, אז זיי ווע͏לן
דא |וועלן| זען איין איינצייכיניש פון דעם 871
שבֿחי הבעשט אדער פון דעם סיפורי מעשיות און וועלן
דאס איינצייכניש אין די דאזיקע טייטשי ספרים ניט
געפֿינען" . פּערל, הקדמה.

1863 % אין דעם ספֿר פֿון שלמה המלך האט מען געפֿונען:
ווער עס עסט בשׂר בחלבֿ |...| דאָס איז אויך אים 981
מקטרג פֿערציק טעג פֿאַר דעם מידת הדין און זײַן
חבֿרותא טמאה איז זיך צו אים מקרבֿ". אַנ, גופת צופים.
ז' 284/II.

1965 " מיר געפֿינען אין דער גמרא בבא בתרא (דף צ"ח)
אַ מאמר, געבראַכט אין נאָמען פֿון ספֿר בן=סירא |...|". 1140
מ. אונגער, פֿער 23/IX,69.

116/1

7. (ס'רוב מיט אַבסטראַקטע סוב). באַקומען, קריגן,
דערגרייכן, האָבן. **געפֿינען** אַ באַפֿרידיקונג, אינטערעס.
% די אימיגראַנטן **האָבן געפֿונען** אַ סך וואַרעמקייט
און אונטערשטיצונג מצד די אײַנגעזעסענע ייִדן.

1848 "אָבער אַז ער וועט זיך פאר לאזין אוף גאט **וועט**
ער **גפֿונן** איין אפרוא צו זייך הרץ". חובות הלבבות, 988
3, 354.

1878 " האָט דיזער אַרטיקל גרויס בײַפֿאַל **געפֿונען**
בײַ דעם פּובליקום". דיק, 89. 966

1908 " דאָרטן **פֿלעגט** דער אַלטער בערגמאַן /׳/ רו בײַ
נאַכט **געפֿינען**". ראָזענפֿעלד, 2, 48. 1113

1940 " איך בין כּמעט מקנא דעם גוטן אַלטן מתתיהו
אחר, וואָס ער **האָט געפֿונען** דעם מוט צו ווערן אַ 1016
בעל=תשובֿה". קאַראַלניק, 2, 209.

1963 " די רביצין **האָט געפֿונען** איין טרייסט אויף אַ
אַלע באַדרענגענישן". באַשעוויס, 4, 258. 932

.117 - געפ̅

8. אויסטראַכטן, אויסקלערן, צוקלערן. % זיי וועלן שוין געפ̅ינען אַ גוטן תירוץ, פ̅אַר וואָס זיי האָבן ניט באַצאָלט. ער האָט געטראַכט און געטראַכט און געפ̅ונען אַן אויסוועג פ̅ון דער לאַגע.

1832 " ער וועט זיך דערמאָנען אין אַלע שלעכטע מידות |...| און וועט געפ̅ינען אן עצה=טובה ווי אפ̅צושיידן זיך פ̅ון די מידות רעות". דוב בער, |...|, הקדמה. 868

............................................................

רעד: דער אויסלייג איז מאָדערניזירט, ניט קלאָר צי ס'איז דורכן אויסשרייבער, צי ס'איז בכלל אַ נייע ניו-יאָרקער אויסגאַבע.

............................................................

1898 " ווו. זאָל ער |דאָס פ̅אָלק| געפ̅ינען אַ תשובה אויף די מענגע שאלות וואָס האָבן זיך באַזונדערס אַרויסגערוקט אין די לעצטע צייטן?". ליטוואַק, 1147

(הקדמה ז' 4.

117/1

1916 " זי |די שנור| האָט גאָר קיין גאַל ניט, זי

געפֿינט תּמיד אַ קלוג וואָרט און אַ קלוג שמייכעלע 1071

אויף די ליפּן כּדי דער שוויגערס ברוגזקייט אָפּצושטילן".

זילבערבוש, 1, 33.

1930 " |...| ביז איך האָב מיך איין מאָל אַריינגעוואָרפֿן

אין דעם כּמעט קאָסמישן ווירבל פֿון ניו=יאָרקער 421

גאַסן, און דאַן ערשט באַגריפֿן און די ווערטער

געפֿונען". איינהאָרן, 7, 51.

1960 " |...| וועלן די, וואָס אַזאַ געדאַנקען=גאַנג

|...| איז זיי פֿרעמד, געפֿינען אויף וואָס צו קלאָגן 825

זיך און קעגן וואָס צו פּראָטעסטירן". ניגער, 10, 312.

9. (ספּעציעל, ס'רובֿ אין מאַטעמאַטיק) באַשטימען דורך שׂכלדיקע אויסרעכענונגען, מסקנות. % געפֿינען די סומע פֿון צוויי צאָלן. געפֿינען דעם ווערט פֿון דער אומבאַקאַנטער אין דער גלײַכונג. געפֿינען אַ טייל פֿון אַ גאַנצער. געפֿינען דעם וואָרצל פֿון די ווערטער: אָפּשטעלן, באַשטעלן, שטעלונג.

10. (ס'רובֿ מיטן בינדוואָרט "אַז" פֿאַר אַ בײַזאַץ אָדער מיט דער פּרעפּ' "פֿאַר" אַז אַדווערב).
קומען צו אַן אויספֿיר, באַשליסן, פֿעסטשטעלן, באַגרײַפֿן, מיינען, האַלטן. % די בילדונג=קאָמיסיע האָט געפֿונען, אַז מע דאַרף עפֿענען אַ נײַע שול אין דער געגנט.
מע געפֿינט פֿאַר נייטיק צו געבן אַן אונטערשטיצונג די אָרעמע זקנים. געפֿינען פֿאַר רעכט. דאָס געריכט האָט אים געפֿינען שולדיק אין דעם פֿאַרברעך.
זיי האָבן געפֿונען פֿאַר זייער חובֿ צו מעלדן אין דער פּאָליצײַ וועגן דעם ענין.

118/1

1848 " וועשט זעהן דיא דינים וואש דער פסוק |...|
940 שמועסט פון זייא וועשטו גיפונן אז דארט זעניך
זעלכי זאכין וואש מען בדארף זייא ארושריידן אונ
מאכין חילוקים אין זייא אונ מדקדק זיין אין זייא ".
חובות הלבבות, 3, 27.

1865 " זי האָט ניט געפֿונען פֿאַר גײַטיק איבערצובײַטן
831 איר תּשובֿה". ג.י. ראַוויטש, 1, 22.

1907 " 'עס זעט דאָ אויס ווי בײַ אונדז אין הקדש'.
806 אַזוי געפֿינט מײַן מאַמע". שלום=עליכם, 8א, 209.

1949 " אַן אַנדערער קוקט אַרום דעם וואָגן און געפֿינט, אז
993 עס איז אָנגעבלאָזן, צווישן איין שײַטל האָלץ און דעם
אַנדערן זענען דאָ גרויסע בלויזן". מוקדוני, 3, 23.

1965 " דער דאָזיקער באַרוף |פֿון אַ מאָלער|, וואָס אַ
פֿראַנצויז אָדער איטאַליענער וואָלטן געפֿונען פֿאַר גאַנץ 435
נאַטירלעך, געפֿינט זיך אָבער מחוץ דעם פּסיכישן לעבן
פֿון אַ ייִד". פֿער 107, 526.

|| געפֿינעכץ - דאָס, =ן. (איר) דאָס געפֿינען.

געפֿינעניש - דאָס, =ן. (איר) דאָס געפֿינען.
1948 " |...| אָן אַ שיר געפֿינעניש". לוצקי, 3, 188. 1343
1955 "וואָלסטו אַליין באַדאַרפֿט צו הילף מיר קומען //
און מאַכן גרינג מיר דאָס געפֿינעניש // פֿון יענע 1344
ווערטער". לייוויק, 11, 369.

געפֿינער - דער, =ס. ווע געפֿינערין/געפֿינערקע.
דער/די וואָס געפֿינט.

119/,

1964 " מײַן גאָט, דײַן הונדערטמאָליקער **געפֿינער** //

האָט זיך אַלײן פֿאַרלױרן". ב. העלער, 1, 45. 1346

17 (**גלײַך) װי געפֿונען** – געזאָגט װען מען קריגט עפּעס

זײער ביליק אָדער אומזיסט, (װען) מע פֿאַרדינט עפּעס זײער גרינג.

(צו קויף [illegible])

1896 "עס װעט זײַן **גלײַך װי געפֿונען**". שלום=עליכם, 73, 67.

~~[illegible]~~ 413

**(ס'איז) ניט צו געפֿינען** – (ס'איז) ניטאָ.

1948 " די װאָל פֿאַר אַט דעם פֿאָדעם איז, זינט דער בית=המקדש

איז חרוב געװאָרן, פֿאַרשװוּנדן און **ס'איז אים מער** קאנק

**ניט צו געפֿינען**". נסתּר, 6, 231.

**געפֿינען צײַט (אַ רגע, אַ פֿרײַע מינוט)** – האָבן, אױס-

טײלן אַ צײַט פֿאַר עפּעס/עמעצן.

געפּ – 120.

1929 "|...| הגם תּמיד אַ פֿאַרנומענער אין געשעפֿטן,
האָט ער נאָך געפֿונען גענוג צײַט צו לערנען אַ בלאַט 960
גמרא אָדער אַרײַנצוקוקן אין אַ חסידישן ספֿר".
י. וואַרשאַווסקי, (1), 212.

געפֿינען דעם טויט (זע: דעם קבֿר) – שטאַרבן, געהרגעט ווערן.

1947 "פֿאַר דער מאַמען אויסגעשפּונען // האָבן מיר אַ
קלייד פֿון רעגן;// ווו זי האָט דעם טויט געפֿונען // – 875
זאָלסטו, פֿאָטער, אונדז ניט פֿרעגן". גראַדע, 2, 142.

1954 "|...| וועלן מיר דאָ געפֿינען אונדזער קבֿר,
אַלץ גלײַכער ווי געטייט צו ווערן פֿון בעסטיאַלישע 1011
דײַטשן". מ. פֿליקער, יזב 10, 641.

געפֿינען אַ וועג צו עפּעס/עמעצן – זיך דערטראַכטן ווי
אַזוי צו דערגרייכן אַ געוויסן ציל, ווי אַזוי צום
גרינגסטן צו קענען זיך דערשלאָגן צו עמעצן.

120/1

**געפֿינען דעם שליסל צו עפּעס/עמעצן** - **דזשוו דפּוו.**

**געפֿינען דעם זינען** - פֿאַרשטיין דעם תּוך, דעם מהות פֿון עפּעס.

**געפֿינען אַ זכות אויף עמעצן** - פֿאַרענטפֿערן עמעצן, מצדיק זיין, אַרויסברענגען יענעמס גרויסע אייגנקייטן.

**געפֿינען אַ טעם (אַ געשמאַק, אַ גוסט) אין עפּעס** - קריגן אינטערעס, אַריינטאָן זיך/אַריינציִען אין אַ געוויסער טעטיקייט.

**געפֿינען חן בײַ עמעצן אין די אויגן** - געפֿעלן ווערן.

"...| די נאַרישע אײַנגעשמועסטקייט, אַז מען | 1912

קען דורך וועלכע ס'איז מיצוות |...| בײַן אדם למקום 1140

|...| **געפֿינען חן אין** דעם אייבערשטנס אויגן".

**יטלאַווסקי, 2, 123.**

געפֿינען לײַטזעליקייט בײַ עמעצן - געפֿעלן װערן, דערגרייכן יענעמס גוטגינציקייט, גוטן װילן, פּראָטעקציע.

1935 " פֿון װעגן זײַן פֿאַרשטענדיקייט און זײַנע גלאַטע רייד האָט ער געפֿונען לײַטזעליקייט אין אַלעמענס אויגן". באַשעװיס, 1, 175. קאנק

געפֿינען דעם װעג צו עמעצנס האַרץ - דזוו דפּוו. (?נ?)

ניט געפֿינען קיין װערטער - ניט קענען אויסדריקן זיך (צוליב פֿאַרװוּנדערונג, איבעראַשונג, שרעק, צעטומלטקייט א"א).

קיין װאָרט אין מויל ניט געפֿינען - דזוו דפּוו.

ניט געפֿינען הענט און פֿיס - ניט װיסן װאָס צו טאָן, צעטומלט װערן, ניט קענען זיך אַן עצה געבן.

121/.

ער וועט קיין פּולווער ניט געפינען – וועגן עמעצן

וואס האט ניט קיין אריגינעלע געדאנקען, איינפאלן,

וואס קיין גרויסע זאכן איז ניט צו דערווארטן פון

אים.

געפינען א זעמעלע? – (שפאסיק) צו עמעצן וואס איז

געפאלן.

וואס האסטו געפונען? א שקראב אין דייטשקע? – (שלש)

צו איינעם וואס נאך גרויסע באמיונגען האט ער

זייער ווינציק דערגרייכט.

דיין פוס | וואר: דיין דור. זוואניע) זאל זיך דא (מער)

ניט געפינען! – מיט כעס צו עמעצן, אז ער זאל מער

ניט קומען, מע זאל אים מער ניט זען.

געשטאָרבן, באַגראָבן, אויף יענער וועלט ווי געפֿונען -

בנב. | י. שוואַרץ, פֿער 90, XXVIII - 1, ז' 20|.

איבער דער באַהד געפֿונען און דאָס מויל ניט געפֿונען -

מיט שפּאַסיקן באַדויער: ס'איז געווען אַ סך צו געניסן,

אָבער מיר איז גאָרניט אָנגעקומען דערפֿון.

שור: אַז מע זוכט, געפֿונט מען. אַז מע לייגט אַרײַן

געפֿינט מען. וואָס מע שפּאָרט אָפּ, איז דערנאָך ווי געפֿונען.

אַז מע לייגט אַרײַן אין די צײַנער, געפֿינט מען

אין דיר ביינער. צו ברויט געפֿינט מען שוין אַ מעסער.

בײַם אויסקערן די שטוב געפֿינט מען אַלץ.

אַ שיכור האָט פֿאַרלוירן, אַ ניכטערער האָט געפֿונען.

וואָס מע געפֿינט אונטער וועגנס זאָל מען ניט מיטנעמען.

מע גייט זוכן בראָנפֿן, געפֿינט מען פֿאַלש געלט.

ווען פֿרייט זיך אַן אָרעמאַן? - אַז ער פֿאַרלירט און געפֿינט.

122/, מציאה ווען פֿרייט זיך גאָט ? — אז אן אָרעמאן געפֿינט א  
און גיט זי אָפּ.

בעסער מיט א קלוגן צו פֿארלירן איידער מיט א נאר צו געפֿינען.

אז מע געפֿינט געלט, פֿארלירט מען פֿרומקייט, אז מע  
פֿארלירט געלט, געפֿינט מען פֿרומקייט.

אז מע זוכט א שער געפֿינט מען א בעזעם, [illegible]

אז מע זוכט א בעדנער, געפֿינט מען א גלעזער.

ם

## גיפינן/גפינדן.

1. ←---

15 " ווייבר אונ' קינדר האבן וויר גיוואנגן אן דער  
שטונדן// וויר האבן צו ציקלג איין קוויניג שאץ 790  
גיבונדן". שמואל=בוך, סטראָפֿע 764.

1679 " דיא האשט אלי מיין הויז ראט ביטאשטיט,

וואש הושטו נון פֿון דיינש הויז כאטש **גיפֿונדן**". 207

~~שמואל בבא, שטאפע 64.~~ בלוך, קראקא, לה-לב

1752 " |...| אונ' אז ר' חייא **האט** עפיס **גיפֿונדן**

האט ער עש איין גבונדן אונ' האט עש זיין ווייב 1137

גיבראכט". ס'עץ חיים, דף יג - 4.

----> 2.

1712 " אך דורך דיא גרושי גבייא דיא מן **גיפֿונדן**

**האט** פון דיא שפאנירש אין עטליכי פלאצן אין איינדי, 1089

קאן מן בשפירן דש עש גבויא פון יהודים זיין

גוועזט". מקוה ישראל, דף יד/1.

----> 4.

123/1

1610 " און' ער |אנה|שטונד אויף |...| און ער נידרט

קען (יבּו) און' ער פֿאנד |=האט געפונען | איין 819

שיף דש גאנג קען תרשיש |...|". טייטש=חומש, יונה,

א - ג, דף קצט - 2.

1722 " זוה האט מן |...|נגפונדן צורות פון שווארצי

מענטשן אויף גשילדרט אויף דיא פלאשטיר אין איר 767

שלף קאמיר". מנורת המאור, דף קנו/א.

.5 <----

~~1551 " צו מאגנש דא עש טאגט דא קאם שמואל צו האנד~~

~~// צום בערג כרמל ער שאול ואנד". שמואל=בוך,~~ 845

~~סטראפע 267.~~

1557 " דא ער נון וואר גיפונדן גר באלד מושט ער

קומן". ס' דניאל, ~~סטר~~ 287. א/845

סטראפע

געפֿ - 124.

1610 " דא שפראך גאט וועך איך איבר אל גפֿינד
ניין |צדיקים| דא וויל איך זיא נישט טון". 833
טייטש=חומש, בראשית, יח - כח.

1716 " דא האבן זי גיפֿונדן |...| יונג פרויאן די דא
נאך האבן אירי בתולים גיהאט". ס'המגיד, 3, דף לז-ז.

----> 6.

1626 " מיר גפֿינדן אין דער דאזיג פרשה צייכן נעבן
דיא ווערטר |...|". ס' המגיד, 1, תהילים, קז-לב. 1008

1723 " איך האבן אונזרי חכמים גיצילט אכט אונ
פירציג מדות פר דעם תלמיד חכם. די גיפֿינד מן אין 1018
פרקי אבות |...|". לב טוב, 2, דף 1/154.

----> 7.

1713 " מיט מיינם ביטרעטן דיא שוועל פון דר שול וועל
איך גפֿינדן דר לייזונג". מחזור, 1, דף נו - 2. 1006

124/1

.10 ←----

1729 " מיר |...| גפינן דז אופט אמאל די גרושי למדנים
האבין ערגרי מעשים אן זיך אליז אפט די גנץ גמייני 1040
לייט". תקוני המועדים.

1763 " דיזיש ספר נחמד דז איך שפל האב אלהיא טאן מאכן,
פר האף אך זאל צו רעכט ווערדן גיפונן אין אלי 431
זאכין |...|". קהלת יעקב, הקדמה.

## ד. ~~געפינען לייט|עליקייט~~ גיפינען לייט זעליגקייט.

1676 " זי |די פרוי| ווערט ניט גיפינען לייט זעליגקייט
אין זיינן אויגן ווען ער |דער מאן| האט גיפונדן 1000
אין איר שעטליכא זכין". ברנט שפיגל, פרק יד.

1721 " אונ' ווען איך אנדרש האב גפונדן לייט זעליקייט
אין דייני אויגן |...|". מחזור, 2, דף רכז - 2. 939

 104

ג ע פֿ י נ ע ן  ז י ך  - אוטוו. 1. ווערן דערזען, אַנטפּלעקט ווערן דורך זוכן; אָפּזוכן זיך, אָפּגעפֿינען זיך.

% די פֿאַרלוירענע שליסל האָבן זיך שוין געפֿונען.

די פֿאַרבלאָנדזשעטע קינדער האָבן זיך געפֿונען.

2. זײַן, עקזיסטירן. % אין קלאַס געפֿינען זיך עטלעכע אָרעמע קינדער.צווישן די געסט געפֿינט זיך אויך דער פֿעטער פֿון אויסלאַנד.

1819 " אויף דער אנדערער זייט, וויא דיא חתימה איז, געפֿינט זיך א קאפ פֿין טריפֿוואקס, וואס ר' יוסל פראדולס האט געקאפּיט בשעת מעשה וויא ער האט דעם בריוו פרחתמיט". פּערל, (א), 14.

125/,

1865 "עס האָבן זיך געפֿונען אונטער זיי אויך גרויסע

באַנהאַרן |=מאַקגראַפֿן| וואָס האָבן איר געוואָלט פֿאַר 1226

איין פֿרוי נעמען, |...| נאָר זי זאָל וועלן ממיר זײַן

איר דת". דיק, 22, 19.

1886 " כּמעט אַלע סטרישטשער בעלי=בתּים זענען מעקלערס.

|...| עס געפֿינען זיך דאָרטן אַ גוזמא בטלנים און 1247

חבֿרות אַלערליי". שלום=עליכם, 25, 118.

1908 " דאָ געפֿינען זיך געדאַנקען און געפֿילן, וואָס

זענען בײַ מיר געקומען צום אויסדרוק – זיי זענען

טיילן פֿון מײַן אייגענעם לעבן". ראָזענפֿעלד, XVI, 2 [קק פאה]

3. זײַן אין אַ באַשטימטן אָרט. % די באַן=סטאַנציע
געפֿינט זיך אין עק שטאָט. ~~אפֿשר הויפּטשטאָט~~ [illegible]
~~ס'געפֿינט זיך אין עק שטאָט~~. אפֿשר ווייסט איר
ווו ס'געפֿינט זיך דער שטאָט=טעאַטער? די ציטאַט
געפֿינט זיך אויף דער זײַט 50.

1862 " זײַן |דעם פּיזעם=הזירס| פּליש שמעקט אויך
ווי פּיזעם. ער געפֿינט זיך אין זיד=אַמעריקע". 979
מאהר, (1), 27.

1916 " מײַן זון ווו. געפֿינט זיך? וואָס הייסט ווו?
אין אָקרוזשנע סוד אַרײַן גייט, וועט איר אים 1213
געפֿינען". שלום=עליכם, 38, 246.

1926 " די אַנשי=המשמר, וואָס האָבן זיך נישט געפֿונען
אין ירושלים, האָבן זיך פֿאַרזאַמלט אין זייערע 941
שטעט |...|". עהרמאַן, (1), 52.

124,

1948 " דער לייטענאַנט |...| האָט זיך אַוועקגעלאָזט

1240 מיט די פאַרבינדלער אויף זייַן באַאָבאַכטונג=פּונקט,

וואָס <u>האט זיך געפונען</u> אויפן בערגל, לעבן בלינדאַזש".

<u>פּאָליאַנקער, (1), 151</u>.

4. באַוויַיזן זיך, אַרויסוויַיזן זיך, אַרויסקומען.

% <u>ס'האָבן זיך געפונען</u> אַ סך פריַיוווילקע צו דער

געפערלעכער אַקציע. <u>ס'וועט זיך געפינען</u> אַרבעט

פאַר אַלעמען.

1848 " |...| אז עס <u>געפונט זיך</u> אמענטש וואס ער

1233 פירט זיך ניט אין גלייכן דרך איז דאש ווייל

דער שכל איז פון אים אוועק גינומין".

<u>חובות הלבבות, 3, 141</u>.

1888 " אין באָדן ווערט קאַלט, אַלע שרײַיען, און

1121 קיינער שטרעקט נישט אויס אַהאַנט אויפצוגיסן אויפן

שטיין. ביז צום סוף <u>געפינט זיך</u> אַ ווײַיס-חברהניק

און מאַכט אָן אַזאַ היץ ווי אין אַ גהינום, אויף

דערשטיקט צו ווערן". <u>מענדעלע 4</u>.

געפֿ - 127.

1929 " פֿאַר אייך |...| וועט זיך |...| קיין אַרבעט

1339 ניט געפֿינען". טײַטש, 3, 222.

1942 "|...| און גאָט האָט פֿאַרמאַכט זיי בחדרי=חדרים

944 //ס'האָט זיך קיין גואל=הדם נישט געפֿונען".

איבן י.י. שווארץ, פֿער 50א, 279.

5. (מיט אַן ~~[illegible]~~ אַדוו) פֿילן זיך, אָנערקענען זיך

צו עפּעס. % ער האָט זיך געפֿונען געטראָפֿן פֿון

יענעמס ווערטער.

1882 " לעאָן סעי האָט זיך געפֿונען באַליידיקט

1190 און האָט אײַנגעגעבן אין אָטסטאַווקע |=דימיסיע|".

פֿער 74, נ' 20, 305.

1912 " ווי באַלד עפּעס ניט אַזוי, געפֿינט ער זיך

1280 באַליידיקט, ווערט ברוגז". מענדעלע, 9, 24.

1925 "דערום געפֿין איך מיך שולדיק צו פֿאַרעפֿנטלעכן

דאס דיזע צוויי אײַנווענדונגען שקר און גזל זענען". 1206

ליכטענשטיין, 2, הקדמה, ג.

1935 " |...| געפֿין איך זיך מחויב בפּשטות די אַלע

אויסערגעוויינלעכע געשעענישן |...| צו ברענגען 1309

אויפֿן פּאַפּיר". י.י. שפּירא, (1).

ניט וועלן פּאָלעמיזירן, צעמישט,

6. (פֿיג) קענען אַרויסגיין פֿון אַ אומבאַקוועמער

סיטואַציע (להיפּך צו פֿאַרלירן זיך) [illegible]

% די פֿלוצעמדיקע פֿראַגע האָט אים צעמישט, אָבער

ער האָט זיך גלײַך געפֿונען און געגעבן אַ גוטן ענטפֿער.

1919 " אַ רגע זײַנען מיר ביידע נשתּומם, אָבער ד"ר

הערצל געפֿינט זיך באַלד |...|". זשיטלאָווסקי, 11,9. 1188

7. (פּיג) דזוו געפּינען. ב׳ 3 (איך טאָן פֿון געמיטלעכקייט).
% וועסט זיך שוין געפּינען וואָס צו טאָן, אַבי ניט
זיצן ליידיק. דער פּוליאַק געפּינט זיך תּמיד אַ
תּירוץ ניט צו אַרבעטן.

1888 " די סוחרים וועלן זיך געפּינען אַ מיטל ווי ניִשט
צו צאָלן". מענדעלע, 3, 217.

ניט (קענען) געפּינען זיך קיין אָרט - זײַן זייער
נערוועז, אומרויִק, פֿאַרזאָרגט.

1981 " ריידל האָט זיך געקנייטשט, געאָיקעט, האָט זיך
קיין אָרט נישט געקאָנט געפּינען". שלום=עליכם, א7, 21.

128 a

רעד: אין טעקסט שטייט "געיאָקעט"; כ'בין זיכער אַז ס'איז אַ גרייַז פֿון בחור=הזעצער: דאָ רעדט זיך וועגן אַ ווײַבל, וואָס האַלט אָט=אָט בײַ גיין צו קינד, איקעט" זי (אָדער <u>אויקעט</u>, וואָלט געווען בעסער).
אָבער ווי קומט דאָ "יאָקען"? (יאָקען מיינט זאָגן:
יאָ, יאָ, יאָ...)

~~[illegible]28[illegible]~~

1968 " איך זע, וואָס מיט דיר קומט פֿאָר. <u>דו געפֿינסט זיך ניט קיין אָרט</u>, ווײַל דיך ציט אין דער ישיבֿה, ווי פֿאַר אַ יאָרן. נאָר קומסטו אין ישיבֿה, ציט דיך צוריק אַהיים". <u>גראַדע, 7, 209</u>. א/805

128/

<u>לאזן זיך געפינען</u> - (<u>עלט</u>) אויפפירן זיך גוט אין געזעלשאפט.

... " דיזעס ר׳ שמערל <u>האט זיך געלאזט געפינען</u> צווישן לײַטן, ווי עס פּאסט פאר אַן איש נכבד". 902

<u>דיק |ווו?|</u>.

<u>געפינען/גיפינען זיך</u>.

<---- 4.

1771 " |...| דען וויש אדוני המלך דש אונטר דיין פאלג <u>זעלט זיך געפינען</u> ווער מער בילך איז צו קיניגן אז צו". <u>בן המלך והנזיר</u>. 1331

געפּ - 129.

געפּינפּטלט - אדי/אדוו. געטיילט אויף פּינף.

1922 " די בלומען פֿון זאַמדפּעפּער זײַנען 'געפּינפּטלטע',

1350 ד"ה, אַז יעדער אָרגאַן פֿון בלום באַשטייט פֿון

פּינף טיילן". איבן א. גאלאמב, 1, 47.

129/1 [redacted] - געפֿ

[redacted]/1

ג ע פֿ י נ צ ט ע ר ט – <u>פֿאַר פֿון</u> <u>פֿינצטערן</u>.

ג ע פֿ י נ ק ל – דאָס, באַ. (שנש) דאָס דויערנדיקע פֿינקלען אָדער דאָס פֿינקלען פֿון אַ סך זאַכן.

1957 " |...| ניו=דזשוירזער פּיצל זומערלאַנד //

א/1351 האָט מיט די שאָטנס זײַנע און געפֿינקל // צעוויגט די גרונטפֿעסטן פֿון דעם פֿאַרשטאַנד |...|".

לעיעלעס, 5, 147.

1961 " ער |ש. האַלקין| האָט זיך אָבער שטענדיק געהיט,

1352 אַז זײַן וואָרט זאָל נישט פֿאַרוואַנדלט ווערן אין אַ קאַלטן קרישטאָל=געפֿינקל, נישט צו בלישטשען מיטן פּוסטן וואָרט |...|". פּער 142, נ' 26- 27, ז' 51.

(?נ?) || געפֿינקלקייט – די, באַ. (לגל) אייגנקייט אָדער מצב פֿון זײַן אין געפֿינקל.

1952 " |...| אַ שטערנטיכל מיט געפֿינקלקייטן".

מ. דײַטש, 1, 99.

רעד: טאַקע נײַשאַפֿונגען, אָבער אַזעלכע?!...

[illegible] – געפֿ

130/1

גע פֿ י נ ק ל ט – פֿאַר <u>פֿון</u> <u>פֿינקלען</u>.

געפּ - 131.

ג ע פּ י פּ ן - פֿאַר (דיאַל) פֿון פּײַפּן; געפּײַפּט.

1944 "האָבן די מײַז און די פֿרעש געקוואַקעט און

1355 געפּיפּן". י.י. טרונק, 3, 124.

געפֿ – [redacted]

131/1

110

געפֿיצקעט – פֿאר פֿון פֿיצקען.

[redacted] - געפּ

134/21

ג ע פּ י ק ס ט - פֿאַר פּוך (אַמ) פּיקסן.

(?נ?)

ג ע פֿ י ר ט - פֿאַר פֿון <u>פֿירן</u>.

געפ - [redacted]

132/א.

113

ג ע פ י ר ק ע ט - פאר פון פירקען.

געפֿ - 133.

(?ג?)　ם | געפֿישדע | ג ו י ש ד א - דער כּלל פֿיש, אַ סך פֿיש,
אַ סטאַיע פֿיש. מה"ד: Gevisch ede.

... " דְּגַת - גוּישְׁדָּא, ל׳ קבוצת דגים".

1364　רייכלין 8, יחזקאל, כט - ד.

(?נ?) ם |געפ̄ישעכ(ט)| - ג פ י ש ך/ ג פ י ש י כ ט -דאס,בא.

דער כלל פיש, אלע פיש.

1713 " אונ' ער טיטש דגתם איר גפ̄ישיכט מיט זיינר

1366 דאג בראכט ער גמישט אלרלייא חיות".

מחזור, 1, קעד - 2.

1737 " והדגה אשר ביאר מתה (שמות ז - כא) - אונ'

1365 דאז גפישך". מלמד שיח, דף 1/38.

ג ע פּ ל אָ ד נ ט – אדי/אדור. (שנש) אויסגעלייגט ווי אַ פּלאַדן.

1948 " און איינס אויף אַנדערן, געפּלאָדנט און

געוועלבט // ביז צו דעם אויסזען פֿון אַ טורעם // 1370

אַן אָנגעצונדענעם האָט צוגעטראָגן פֿײַערלעך דער וועלט,

// ווי די אַנטפּלעקונג פֿון גערמאַניעס מאַכט – פֿיורער".

מאַרקיש, 9, 524.

ג ע פּ ל אַ ט ע ר – דאָס/דער, בא. (שנש) דאָס דויערנדיקע
אָדער פּילפּאַכיקע פּלאַטערן.

1956 " די גאולה קומט אָן מיט געפּלאַטער, // מיט רעגן
1371 אויף באָרוועסע פּיס". שומיאַטשער, 3, 142.

1957 " פּאַראַן דײַן בלאָנדזשע=וועג און דײַן געפּלאַטער
קאנק // צו פּרעפּן ס׳גרויסע, שווערע רעטעניש".
לעיעלעס, 5, 144.

1964 " שוין אויך מיט מײַן אָדלער געטראָפּן: // ס׳האָט
1377 אים אין די טונקעלע אין=סופּן, // אין דרײַסטן
געפּלי און געפּלאַטער// געזען אַ לבֿנהשער קראַטער".
מאַניק, 2, 60.

רעד: כ׳גיב מערערע ציטאַטן נאָענטע אין דער צײַט,
( נאָך דאָ פּאַר מיר איינע פֿון א.אויערבאַך) צו
ווײַזן די פֿאַרשפּרייטקייט פֿון דער נײַשאַפֿונג–
אפֿשר שוין ניט קיין "נײַשאַפֿונג".

ג ע פּ ל אַ ט ע ר ט - פֿאַר פֿון פּלאַטערן.

ג ע פֿ ל אָ כ ט - דאס, =ן. (עלט) געפֿלעכט.

1865 " וועלן די וויינקע, וואס פֿאַרבייגן די רעליגיע

פֿון וועלטלעכן נוצן וועגן |...|, זיך אויך מיט 1380

דעם וואַקסענעם ליכטל ניט שעמען, |...| און אין

עטלעכע געפֿלאָכטן דעם הייליקן שבת באַגלייטן!".

פֿער 177, נ' 46, ז' 697.

□ גיולוכט.

1610 " אונ' דוא זולשט געבן צווייא דיא גיולוכטן

די גולדן אויף צווייא דיא רינג". טײַטש-חומש, 1379

שמות, כח- כד, |תי: פֿלעכט|.

געפלאָכטן - 1. פֿאַר פֿון פֿלעכטן.

2. וואָס איז (אויס) געפלאָכטן. % געפלאַכטענע האָר. געפלאַכטענע ליכט. די פֿויערטע טראָגט די יאַגעדעס אין אַ געפלאָכטן קערבל.

1867 " ביי דער טיר איז מען אונדז אַנטקעגנגעקומען מיט
אַ געפלאַכטענעם קוילעטש". ליניעצקי, פֿער 177, 1410
נ' 44, ז' 327 - II.

1914 " די קליינע געפלאַכטענע בעסעדקע |גאָרטן=שטיבל|
אונטערן |...| דעמב". מ.רזווקין, (1), 244. 1405

1939 " בעק|ער|=יונגעץ האָבן אַרומגעטראָגן |...|
גרויסע קוישן מיט חלות, קיילעכיקע |...| געפלאַכטענע". 1386
אָפּשאַן, 1, 96.

1943 " זי האָט פֿאַמעלעך פֿאַרפּאַקט דאָס ווייסע געפלאַכטענע
קוישל |...|". דעמבלין, 3, 11. 1402

גיפלוכטן.

... " עבות - י"א גוולוהטן". רייכלין 8, ויקרא כג-מ.

1668 " אונ' דז גיפלוכטן ווערק דש דא איז גימאכט
גיוועזן פון אינווייניג". יוסיפון, 3, כלו - 2. 1393

געפּ - 140.

געפּלאָם - דאָס/דער, בא. (שנש) דאָס דויערניקע אָדער פֿילפֿאַכיקע פּלאַמען.

1972 "ס'האָט דער זקן צוגעזעצט זיך ביים קאַלירקן געפּלאַם פֿון זונפֿאַרגאַנג". מאַניק, פֿער 109 א, 1411

מאי-יוני.

געפֿ –

140/1

122

ג ע פֿ ל אַ מ ט - פֿאַר פֿון פֿלאַמען.

ג ע פֿ ל אַ נ ץ - דאס. באַ. אַ סך פֿלאַנצן, געוויקסן.

1843 "|...| איך וויל זי איך איינם לוסט גארטן זעצן
1412 דס דרינן גפלאנץ איז פון אלר ליי גוטן גווירץ".

ר' אהרן מטריבוש, דף ז - ב - II.

1953 " און ס'דוכט, די ערד מיט חיה און געפֿלאַנץ
1413 // ווערט פֿלאַטערדיק, פֿליגלדיק און פֿלי̦י̦ק".

י. פֿרידמאַן, 1, 143.

1956 " אַרומגעגורט האָט זיי אַ גרינער פֿאַס געפֿלאַנץ,
1416 // אַ שטרענג געשוירענער גאַזאָן און גראָזן שווערע".

מאַרקיש, 11, 490.

ם גיפלאנצרייא - דאס. דזור דפֿוו.

1711 " וויפיל שיני גיפלאנצרייא איז גיפלאנצט צישין
1418 זיא. זיא זיינן גלייך אז דיא נטיעות וואש הקב"ה

האט גיפלאנצט אין גן עדן". נחלת צבי, 1, דף כג/ב.

ג ע פֿ ל אָ נ צ ט - פֿאַר פֿון פֿלאַנצן.

ג ע פֿ ל אַ ס ט ע ר - דאָס, בא. 1. דאָס דויערנדיקע פֿלאַסטערן.

2. דאָס/דער, =ס. אַ געפֿלאַסטערטער שטח (אַ וועג, אַ הויף, אַ געשטעל).

1941 " |...| און דעם ים |דעם גרויסן האַנטפֿאַס אין בית=המקדש| האָט ער אַראָפּגענומען פֿון די קופּערנע רינדער |...| און האָט אים אַוועקגעשטעלט אויף אַ געפֿלאַסטער פֿון שטיינער". תרגום יהואש, מלכים ב', טז - 17.

1972 " אונטן, אויפֿן פֿאַבריקסהויף, איז געווען פּוסט, די זון איז געלעגן אויסגעשפּרייט אויפֿן שטיינער-געפֿלאַסטער |...|". ראָזענפֿאַרב, 3, 155. 1421

געפֿ – 144.

ג ע פֿ ל אַ ס ט ע ר ט – פֿאָר פֿון פֿלאָסטערן.

געפֿ - 145.

ג ע פֿ ל אָ ט ן - פֿאַר פֿון פֿליסן.

געפּלאַקער – דאָס/דער, בא. 1. דאָס דויערנדיקע
אָדער פּילפּאַכיקע פּלאַקערן. % אַ גאַנצע נאַכט האָט
מען געזען דאָס <u>געפּלאַקער</u> פֿון די ברענענדיקע הײַזער.

... " אַ זעונג: אַ סנה, אַ <u>געפּלאַקער</u>, אַן אהיה אשר אהיה,
דער בײַ // אַ שווערד אינעם האַרץ פֿון אַן אַקער, 1426
און ס'גייען מיט בלוט אױף די דרײַ". <u>לייוויק,</u>
<u>ליד, "אויפֿן בוידעם קלאַגט אַ דאַך"</u> [?].

2. <u>(עלט)</u> אַ ליכט.

" אונ דר מענש מיט זייני צווייא חלקים דר 1805
גוף אונ די נשמה די זעניך צו אננדר גיפלאכטין 1427
גלייך אז אייני גיפלאכטיני <u>גיפּלאקיר</u> די דא ציהט
דש ליכט אן זיך". <u>איבז פאוויר, ז' נ' – T.</u>

געפּ - [redacted]

146/1

129

ג ע פּ ל אַ ק ע ר ט - פֿאָר פֿון פּלאַקערן.

(?נ?) ג ע פּ ל ו י ג – דער, |=ן?|. 1. דאָס פֿלײַען פֿון אַ סך זאַכן |סטוטש 177|.

ʃolc3

---

רעד: ניט זיכער אין אויסטײַטש: לויט דעם אָרט אין דער ווערטער־גרופּע קאָן עס אויך מיינען: "פֿלי".
איך האָב דאָס וואָרט ניט געהערט.

---

2. פֿלי |ראָכקינד|, % דער געפֿלויג פֿון עראָפּלאַן גייט דורך דעם אָקעאַן.

ג ע פֿ ל ו י ג ן – 1. פֿאָר פֿון פֿלגען.

2. אַדי/אַדוו, נאָר אין דער פֿראַזע:

ניט געשטויגן און נישט געפֿלויגן – ס'איז ניט אמת, ס'איז אויסגעטראַכט. [illegible], ס'[illegible]. אויך: ניט-געשטויגענע, ניט-געפֿלויגענע מעשׂיות.

ג ע פֿ ל ו́ כ ט - פֿאַר פֿון (דטשמ) פֿלוכן.

געפּ - 150.

ג ע פּ ל ו֜ ס - דער/דאָס, בא. (שנש) דאָס דויערנדיקע אָדער פילפאַכיקע פליסן.

1926 " |...| און נאָך דעם גלײַכער, פליסיקער, ווי געפלוס פון וואַסערן איבער די לײַוונטן".

1433

באָרײַשאַ, 2א, 31.

געפּ - 151.

ג ע פֿ ל ו ע ט - אַדי. ~~אשב~~.בנב.

" פֿאַרטרעטן פֿון משה מאַנטעפֿיאָרי מיט דער ברייטער 1914

געפֿלועטער מאַנישקע |...|". שלום=עליכם, 5 ב, 164. 1441

~~[illegible]~~ דערב׳"פֿעד

........................................................................

רעד: ~~[illegible]~~ ס׳איז אַ גרייז, אָבער פֿון וואָס פֿאַרגרייזט? וואָס מיינט געפֿלועט?!

........................................................................

ג ע פּ ל י' - דער/דאָס, בא. (שבש) דאָס דויערנדיקע פֿליִען אָדער דאָס פֿליִען פֿון אַ סך (פֿייגל א"א).

1444 1933 " דוד האָט געזען, ווי דער רייַטער האָט אין געפֿלי אַרויסגעכאַפּט אַ רעוואָלווער". גאָדינער, 2, 88.

1449 1944 " איך זע אַן עראָפּלאַן אין איינזאַמען געפֿלי". אלף כץ, 2, 31.

א/1450 1972 " |...| געבן זיך |די פֿייגל| אַ פֿאַרנעם, פֿאַרשווינדן אין אַ ווייַטן געפֿלי". ראַכמאַן, פֿער 38, ג' 76, ז' 104.

|| געפֿליִערײַ - דאָס, בא. גרויס אייַלעניש|סטוטש 440|.

- געפֿ

136

152/1 ג ע פֿ ל י אַ ד ע ר ט – פאַר פֿון פֿליאַדערן |האַרקאַווי| .

[redacted] - געפֿ

152/2. ג ע פֿ ל י אָ ד ר ע וו ע ט - פֿאַר פֿון פֿליאַדרעווען.

152/3.

געפֿ – .[redacted]

ג ע פֿ ל י א ס ק ע ט – פֿאר פֿון פֿליאסקען.

ג ע פֿ ל י ג ל - דאָס, באַ. דער כּלל פֿייגל, עופֿות.

% אין דעם מושבֿ פֿאַרנעמט מען זיך מיט האָדעווען
געפֿליגל: הינער, אינדיקעס, גענדז. ס'הערן זיך
פֿון וואַלד קולות פֿון אַלערליי געפֿליגל.

1872 " דאָרט, אין יענער אָפּטײלונג פֿון דעם לוסטגאָרטן
וואָס עס וואַר ערצויגן די געפֿליגל". דיק, 20,57. 1463

... " פֿלאַטערנדיק געראַשט אַרום האָט // הייַאוואַטהאַס
באַרג=געפֿליגל, // מחנותוויַיז אַרומגעקריַיזט אים, 1451
// שיַער באַרירט אים מיט די פֿליגל". איבז., יהואש,
|"הייַאוואַטהאַ, פֿאַ=פֿאַר=קיוויס"|.

1925 " גיט די בהמות און געפֿליגל עסן". י.י. שוואַרץ,
3, 174. 1454

1951 " הונדערטער וואַגאָנעס מיט תּבֿואה, הונדערטער
פֿורן מיט געפֿליגל, טויזנטער גענדז |...| פֿלעגן 1455
ווערן טראַנספּאָרטירט קיין טילזיט און קעניגסבערג".
פֿער, 106, 1584.

140

2. פֿליגל, דער סיסטעם פֿליגל פֿון אַ פֿויגל |ראַכקינד|.

% די פֿייגל אונטערשיידן זיך אויך מיטן קאָליר פֿון זייער געפֿליגל.

153/1

|| געפֿליגלוואַרג - דאָס, בא. (עלט) דזוו דפֿוו.

1819 " האט ער א בעפעהל גיגעבין, דעם רבין דעם צדיק אבצושיקין אגילאדנוויטע פוהר מיט אלי גאטונקיס מעהל אונ' גיפליגעלווארק". פֿערל, 1, 28. 1465

ם געפליגילש ווערק.

1744 " אויך קענין מיר קלוג ווערין דארך דען געפליגילש ווערק |...|". בחינות עולם, דף לח - 2. 1460

געפּ - 154.

געפֿליגלט - אַדי/אַדוו. 1. וואָס האָט פֿליגל.

% געפֿליגלטע בעלי=חיים. געפֿליגלטע מלאכים.

1908 " ווען ס'האָבן הימלס געפֿליגלטע געסט //
אין דער ריינער מאָרגנשטערן אַליין // פֿאַר פֿרייד אין 1474
אַנטציקונג געזונגען שיין". ראָזענפֿעלד, 2, 180.

1930 " ווינקט דער זונפֿאַרגאַנג מיט פֿײַן געפֿליגלטע
// שטראַלן גילדענע און לאַנגע |...|". לייעסין, 1, א/1467
|ליד "ניו=יאָרקער פֿאַרנאַכטן"|.

1956 " אויך אליהו הנביא קומט צו רײַטן // אויף
זײַן ווײַסן געפֿליגלטן פֿערד". שומיאַטשער, 3, 142. 1470

|| געפֿליגלטקייט - די, באַ. אייגנשאַפֿט צו זײַן
געפֿליגלט (וועגן ווערטער, פֿראַזעס).

1953. " זײַן |דעם יונגן דורס| ייִדיש לשון איז אין
דער סכּנה צו זײַן ביכעריש, טרוקן. |...| האָט ניט 1475
גענוג געפֿליגלטקייט". י. מאַרק. פֿער, 90, XIII-4, ז' 142.

154/, **גע<u>פּ</u>ליגלט וואָרט/ווערטער** – שיינע, טרעפֿלעכע ווערטער אָדער פֿראַזע, וואָס פֿאַרשפּרייט זיך (צעפֿליט זיך) גיך.

1954 " דאָס פֿאָלק נעמט אַ שפּריכוואָרט און איז עס

1469 מקצר |...| און עס ווערט אַ ווערטל, א **געפֿליגלט וואָרט** פֿאַר זיך אַליין". י. ריבקינד, פֿער 90, XIV - 3, ז' 66.

1960 " ס'איז אַפֿילו נישטא די טרייסט, אַז זײַן **געפֿליגלט**

1472 **וואָרט** פֿון אַמאָל איז פֿאַרטיפֿטער געוואָרן".

גלאַטשטיין, 2, 49.

ם **גפליגלט.**

1721 " דש גיטירטי אונ' אלש פיך קריכינדיגי שטירט

1471 אונ' **גפליגלטי** פעגל". מחזור, 2, דף טו – 1.

ג ע פּ ל י ט ע ר – דער/דאָס, בא. 1. דאָס דויערנדיקע פּליטערן אָדער דאָס [פּליטערן] פּון אַ סך זאַכן.

1959 " פֿאַרבײַ אונדז איז אַדורך אַ שוואַלב אין געפּליטער".

שארגעל, 1, 138. 1481

| |
|---|
| רעד: פּליטערן = גלימצערן, בלישטשען, מיניען זיך; איז וואָס מיינט "ס׳איז דורך אַ שוואַלב אין געפּליטער"? אפשר דאַרף זײַן אין געפּלאַטער"? |

2. גלאַנץ, בליאַסק, פּוץ.

1951 " אָפּווישן אַזאַ געפּליטער איז ניט שײַך צו זאָגן". שניאור, 7, 88. 1480

3. אַ סך פּליטערלעך, (אַ סך בלישטשענדיקע, גלימלענדיקע זאַכן

... [illegible] ,שנײ״=געפּליטער״ x [אָן מקור].

ג ע פֿ ל י ט ע ר ן - פֿאַר פֿון <u>פֿליטערן</u>.

ג ע פ ל י ט – אדי/אדוו. "געהעקלט לויט אַ געוויסן אויזאַר|קטוו|. % "אַ געפּלייטער טישטעך. געפּליי‌טע שפּיצן"|קטוו|.

1482

רעד: דער זאַמלער גיט אויך אָן אַן עטימאָלאָגיע: "מסתּמא פֿון פראַנצויזיש FILET". איך פראַנצ' filet = אַ נעץ, אַ נעצל, שפּינעץ – Filer.

15911 - גע

145

געפּלייסט (זיך) - 1. פֿאַר פֿון פּלײסן זיך.

2. אדי. פּלייסיק |הארקאווי, בערעזניאַק|.

3. אדוו. אומיסטן, בכּוונה |הארקאווי, בערעזניאַק|.

1425/א (?נ?) ס|געפּלייסן| ג פּ ל י ס י ן – 1. |פֿאַר פון פּליַיסן(זיך)?|.

2. אדי/אדוו. בליוונדיק, אמתדיק געמיינט.

1626 " דען עש איז ניט אין אירן מויל (נכונה) בילכקייט

1509 ב אונ' גפּליסני זכן נייארט פאלש רידן".

ס' המגיד,1, תהילים, ה– י.

1722 " ווען דער מענש לייגט בייא זיין וויב מיט

1504 איין גפּליסני ווישן שאפט אונ' (בקדושה לשם שמים)

דען איז אונ' מיגליך דש ניט איין פֿר שטענדיג

קינד זאל פון זיא גיבארן ווערן". מנורת המאור,

דף קנב/ב.

ג ע פּ ל יי ץ – דער/דאָס, בא. (שנש) דאָס דויערנדיקע פּלייצן, שטראָם.

1937 – 1939 " באַרגאַראָפּיק מיט געפּלייץ// יאָגן שעפּסן אין אַ סטאַדע". סוצקעווער, 3, 109.

1963 " זע, סאַראַ פֿורפֿור=שוימיקער געפּלייץ,// הפֿקר=טאַנץ פֿון קוועלנדיקע טרויבן". י. פֿרידמאַן, 3, 69. 1486

1975 " זי טגעזען, ווי אין דעם געפּלייץ שווימען טישן, בענקלעך, פֿעסלעך און אַפֿילו וויגן". קאנק

באַשעוויס, 6, 219.

ג ע פ ל יי צ ט - פֿאר פֿון פּלייצן.

(?נ$\frac{?}{2}$) ג ע פֿ ל י כ ט ע ט - 1. פֿאר פֿון (דטשמ) פֿליכטן.

2. אדי/אדוו. אַנטלאָפֿענער, פֿליט, פֿליכטלינג.

1944 " מיר האָבן באַווײַנט אויף אַ שיף אַ געפֿליכטעטן ייִד".

נאדיר, 12, 140. 1491

געפֿ - 162.

ג ע פֿ ל י מ ע ר - דער/דאָס, בא. (שנש) דאָס דויערנדיקע פֿלימערן.

|...195| "ווי עס לעשט זיך אַ שטערן אין הימל אין מיטן העלן געפֿלימער". גראָס=צימערמאַן, פֿער 54|נ׳?|, ז׳ 24. 1493

ג ע פ̄ ל י מ ע ר ט - פ̇אר פ̄ון פ̄לימערן.

געפּ - 164.

(?נ?) ג ע פּ ל י נ ק - אדי/אדוו. דזוו פּלינק.

1920 " איך קונצן=מאַכער פֿאַרבלענדן די אויגן דורך

1494 זייערע פֿאַרשידענע געשיקטע געפּלינקע באַוועגונגען".

עלזעט, 2ג, 105.

165 - געפ̄:

ג ע פ̄ ל י ס - דער/דאס, בא. (שנש) דאָס (דויערנדיקע) פ̄ליסן.

1956 " געהערט האָט פ̄ון זייַן קול זיך אַ געפ̄ליס // מיט אַזאַ ווייטיקלעכן כליפ̄ע יעדע ווייַלע". 1495

מאַרקיש, 11, 549.

געפֿ - 165/1.

154

ג ע פֿ ל י ס ט ע ר  –  דער/דאָס, באַ. דאָס (דויערניקע)

פֿליסטערן, [illegible] פֿליסטערן פֿון אַ סך מענטשן.

1953 " דער וואַלד איז פֿול געוועך מיט משונהדיקע גערוישן

1496 און קלאַנגען: מיט א געפֿליסטער און אַ געמורמל,

מיט אַ וואָרטשעניש און בורטשען". ברוסילאָוו, 1, 206.

1956 " אַט דאָ פֿאַררופֿט די שטילקייט פֿונעם וואַלד, //

1500 און דאָרט – פֿון טײַכל דער געפֿליסטער". מאַרקיש, 10, 291.

1973 " בײדע צוזאַמען האָבן זײ געזאָגט: סענדער – מיט

1507 אַ קוים הערבאַרן שעפּטש, און בונעם – מיט אַ האַלבן

געפֿליסטער". ראָזענפֿאַרב, 3, 278.

|| געפֿליסטערל – דאָס, באַ. דזוו דפֿוו.

le/165 – געפּ

1963 "זיי |די דאַוונערס| האָבן מיט די הענט פֿאַרשטעלט

די אויגן, געוויגט זיך, און עס האָט זיך געהערט

אַ געפּליסטערײַ פֿון ווערטער פֿון "כּל־נדרי".

מ. גראַסמאַן, פֿער 47, תשרי, ז' 29/II.

1503

ג ע פֿ ל י ס ט ע ר ט – פֿאַר פֿון פֿליסטערן.

געפֿ - 167.

(?נ?) ם|געפֿליען| ג י בֿ ל י ה ן - אוטוו. אַנטלויפֿן.

מה"ד: Ge-vliehen.

... " מיר הון קיין לנט דא מיר אין קונין גיבֿליהן".

מגילה-ליד, ש' 657. 1510

געפֿ – 168.

1512 ג ע פֿ ל י́ פּ – <u>דער/דאס, בא.</u> "קלאַנג פֿון רעגנגאַנג" |<u>קטוו</u>|.

ג ע פֿ ל י ק ט - <u>פֿאַר</u> <u>פֿון</u> <u>פֿליקן</u>.

ג ע פ ל ע ג ט I – 1. פאר פון (דטשמ) פלעגן (קולטיווירן, אפהיטן).

2. פאדי. (דטשמ) קולטיווירט, גוט אפגעהיט. % געפלעגטע געוויקסן. לויט די קיילעכיקע פנימער זעט מען גלייך אז דאס זיינען גוט געפלעגטע קינדער.

1968 " דער זאל איז געווען מיט א בינע פאר די ארקעסטערס, מיט א פיין געפלעגטן פלאץ פאר די טענצערס". 1520

מ. רעכטמאן, יזב 2, 408.

|| געפלעגטקייט – די, בא. מצב פון זיין געפלעגט.

ג ע פֿ ל ע ג ט !! - (פֿד) פֿאַרמע פֿון פֿאַרטיציפּ פֿון

הילפֿווערב "פֿלעגן": "האָט געפֿלעגט צו..."

במקום פֿלעג(ט). % זי האָט געפֿלעגט צו קומען אָפֿט

צו גאַסט.

1931-1930 " אָט דעמאָלט האָט ער גאַנץ אָפֿט געפֿלעגט צו

1516 זען פֿאַר זיך אַ ברייט, גרויס און אומבאַגרענעצט

פֿעלד". ווײַסענבערג, 9ב, 100.

ג ע פֿ ל ע ד ע ר - דאָס, בא. די פֿליגל (מצ) פֿון אַ פֿויגל.

1936 "הלוואַי וואָלט מיר ווער געגעבן אַ געפֿלעדער פֿון אַ טויב". איבן גראָס, תהילים, נה - 7. 1523

1948 "ס'האָט געשווינד אים אויפֿגעהויבן פֿון דער ערד, ווי ס'הייבט אַ ווינט ביַי אַ בערקוט אויף דאָס געפֿלעדער". מאַרקיש, 9, 119. 1522

 163

געפֿלעכט – 1. דאָס, בא. דאָס (דויערנדיקע) פֿלעכטן, פֿלעכטונג. % דאָס געפֿלעכט פֿון די קרענץ האָט גענומען עטלעכע שעה.

2. דאָס/דער, =ן. עפּעס וואָס איז (צונויפֿ)געפֿלאָכטן. % אַ געפֿלעכט פֿון צווייַגן. דער קלאַסצימער איז דעקאָרירט מיט געפֿלעכטן פֿון פֿאַסן קאָלירטע פּאַפּיר. מע קאָן זיך פֿאַרבלאָנדזשען אין געפֿלעכט פֿון די שטעגן אין וואַלד.

1929 "אין דעם |...| געפֿלעכט פֿון שטאַם און וואָרצלען מאָכיקע". מ. קולבאַק, 4, 18. 1524

1953 "ט'בייגן זיך יושבֿים, וויביימער אין וואַלד,// צווייַגן צו צווייַגן, אַן איינציק געפֿלעכט". 1543
י. פֿרידמאַן, 1, 27.

1962 " דער וועליען |וווּאַל פֿאַר באַדעקנס| קען קוים
פֿאַרדעקן דעם __געפֿלעכט__ פֿון דער כּלהס געדיכטע 1534
שוואַרצע האָר". __זיפֿער, 1, 163.__

(פֿיג)
3. קאָמפּליצירטע, פֿילפֿאַכיקע פֿאַרבינדונג. % __געפֿלעכט__
פֿון סיבות, אומשטאַנדן.

1938 " |...| אַ געפֿלעכט פֿון מאָטיוון, שטרעמונגען,
וואָס קרייצן זיך, אונטערברעכן זיך איינע די צווייטע 1539
און קאָנען זיך ניט צונויפֿגיסן אין לעבן.
__קאָראַלניק, 1, 271.__

